STEVEN SPIELBERG
DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 18987

BAYM YAM UN BAYM TAYKH

Lyube Vaserman

YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-18987-1

D:\YIDDISH\TITLES\9780657189877T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

ליובע וואַסערמאַן

בײַם ים און בײַם טײַך

לידער

ליובע וואַסערמאַן

בײַם ים און בײַם טײַך

לידער

ליובע וואַסערמאַן

בײַם ים און בײַם טײַך
ליד הים וליד הנהר
Near the Sea and near the River

ה. לייוויק-פֿאַרלאַג הוצאת ה. לייוויק

leyvikmail@gmail.com

© כל הזכויות שמורות

אין לשכפל, להעתיק, לצלם, להקליט,
לאחסן במאגר מידע, לשדר או לקלוט בכל דרך או בכל
אמצעי אלקטרוני, אופטי, מכני או אחר כל חלק שהוא
מן החומר שבספר זה.

דיזײַן: שאָש וואַסערמאַן
Design: Shosh Waserman

מסת"ב: ISBN: 978-965-7348-36-9

נדפס בישראל, 2015

Printed in Israel, 2015

הרשות הלאומית לתרבות היידיש
נאַציאָנאַלע אינסטאַנץ פֿאַר ייִדישער קולטור

דאָס בוך דערשײַנט מיט דער שטיצע פֿון דער נאַציאָנאַלער
אינסטאַנץ פֿאַר ייִדישער קולטור
ספר זה יוצא לאור בתמיכתה של הרשות הלאומית לתרבות יידיש

ליובע וואַסערמאַן אין 1967

אינהאַלט

7 לעאָניד שקאָלניק – איך הער איר שטיל קול
10 סערגאָ בענגעלסדאָרף – אַ וואָרט וועגן דער מאַמען

איבער באַרג און בלוי
17 ירושלים
19 תּל-אָבֿיבֿ
20 אַ טאָל אַזאַ
21 מינוט
22 אַ נאַכט, וואָס טאָגט
23 ייִאוש
25 שניט
26 פּייזאַזש
27 אויפֿגעוואַכט
28 "האָסט מיך אייַנגעוויגט אין דייַנע אָרעמס..."
29 "האָסט אייַנגעאָטעמט געזאַנג..."
29 "אין שטויביקע גאַסן בייַטאָג..."
31 "עס האָבן זיך מייַנע נעכט..."
32 שפּיטאָל

סלאָוואַטיטש
34 סלאָוואַטיטש

מאַמע
40 שׂרה'ן

דערזען מייַן וועלט
44 מייַן טייַך
45 פֿאַרטאָג
46 "אַ האַרציקער, אַ פּראָסטער..."
47 דער ערשטער שניי
48 "ערשטער רעגן, ערשטער רעגן..."
49 "ווידער האַרבסט דערלעבט איך האָב..."
50 פּרצ'ן

53 מייַן היים
54 אַן עפּלבוים
56 יעדן טאָג
57 שנייען

מייַן ביטערער לאָגל

59 אין תּפֿיסה
60 "מייַן זייַן דאָ, אַ קייט פֿון וואַנדער און וואָגל..."
62 "מייַן בענקשאַפֿט צו אייַך..."
62 מייַן מוזע
63 לויט האַלקינען

ווידער קום איך צו מייַן טייַך

66 אויף שלום-עליכם-גאַס
68 עס גייט אָפּ דער פֿראָסט
69 "און דאָס, וואָס די יוגנט..."
70 האָריזאָנטן
71 "און נאָך איך דערזע..."
72 מייַן בערעזע
74 ביראָבידזשאַן איז מייַן היים
75 קינדער אין פּאַרק
76 "מיט יאָרן שפּעטער דורך שׂרפֿות און דורך גרוילן..."
77 בייַם ים
79 פֿרילינג-מאָטיוון
80 אַ בינטל לאַנדיש
81 זאָל זייַן שלום
82 אין אַ שנייייִקער נאַכט
83 פֿרילינגס-רעגן
84 האַרבסט
85 דערמאָנונג
87 ווייַט-מזרחדיקער זומער
88 די יאָרצייַט
90 אַ קוואַל
91 לאַנדיש
92 פֿרילינג
93 דער ערשטער רעגן

איך הער איר שטיל קול –
לעאָניד שקאָלניק

ליובע וואַסערמאַן... נאָך צענדליקער יאָרן פֿון באַקאַנטשאַפֿט און פֿרײַנדשאַפֿט מיט אָט דער דיכטערן באַמי איך זיך צו דערמאָנען כאָטש אין איינע פֿון אונדזערע באַגעגענישן, ווען ליובע האָט דערציילט וועגן זיך, וועגן איר לעבנס-געשיכטע. איך בלעטער איבער אין זכּרון אַ סך באַגעגענישן – ביַי איר אין דער היים, אינעם טעאַטראַלן געסל; אינעם שטאָט-פּאַרק, אין רעדאַקציע פֿון דער צײַטונג "ביראָבידזשאַנער שטערן", אויפֿן ברעג פֿון דער בירע - עס באַקומט זיך ניט ביַי מיר צו דערמאָנען אַזאַ געשפּרעך. גאָרנישט.

נאָר עס האָט זיך מיר פֿאָרט פֿאַרגעדענקט אַ סך וועגן איר: איר דערציילן וועגן דעם פֿאַרמלחמהדיקן ביראָבידזשאַן, וועגן אירע פֿרײַנד דיכטער, וואָס דער ערשטער און דער בעסטער צווישן זיי איז געווען עמנואל קאַזאַקעוויטש, וועגן איר אייניקל אַסינקע, וועגן אַ בוך, וואָס זי האָט אָקאָרשט געלייענט. פֿון דער טיפֿקייט פֿון יאָרן הער איך איר שטיל קול לייענען אַ ליד, וואָס זי האָט אָנגעשריבן נעכטן; איך זע אירע אויגן, וואָס אין זיי שײַנען די ליבע, דער טרויער, די חכמה...

און פּלוצעם פֿאַרשטיי איך: ליובע וואַסערמאַנס לעבנס-געשיכטע איז אין אירע לידער, אין אונדזערע לאַנגע שמועסן וועגן אַלץ און וועגן אַלעמען; אין דער שטאָט איבער דער בירע, וווּהין זי איז געקומען פֿון ארץ-ישׂראל, וואָס איז דעמלט געווען אַ בריטיש מאַנדאַט-טעריטאָריע.

ליובע וואַסערמאַן איז געקומען אין ביראָבידזשאַן אין די 30 ער יאָרן און גלײַך געוואָרן אַן אַקטיווע בויערין פֿון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט. זי איז אַרײַן אין דער ערשטער ביראָבידזשאַנער שרײַבער-גרופּע, וואָס אין איר באַשטאַנד זײַנען געווען דוד בערגעלסאָן, עמנואל קאַזאַקעוויטש און ניט ווייניק אַנדערע פּראָזאַיקער און דיכטער. זי האָט געשריבן וועגן דער ביראָבידזשאַנער ערד, וועגן דער ווײַט-מזרחדיקער נאַטור, וועגן די בויער פֿון דער ייִדישער אויטאָנאָמיע. אין אירע לידער זײַנען פֿאַרקערפּערט אויף אייביק ביראָבידזשאַנער גאַסן און פּאַרקן, טאָפּאָלן-אַלייעס און בענק איבער דער פֿאַרנאַכטיקער בירע.

אַזאַ איז געווען איר גורל, וואָס זי האָט אים פֿולקום, ביזן סוף אָפּגעגעבן דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט, ביראָבידזשאַן. אין אַרכיוו פֿון "ביראָבידזשאַנער שטערן" האָב איך געזען אַ פֿאָטאָ-בילד פֿון די דרײַסיקער יאָרן: ליובע וואַסערמאַן שמועסט מיט יעווגעני פּעטראָוו, אַ באַוווּסטן סאָוועטישן רוסישן שרײַבער, וועלכער איז געקומען אויפֿן ווײַטן מזרח לויט אַ באַפֿעל פֿון דער סאָוועטישער מאַכט. אויף אָט דעם פֿאַרגעלטן פֿאָטאָ-בילד זעט מען גליקלעכע יונגע פּנימער און אַרום זיי - אַ העלן זומער-טאָג, בשעת ליובע וואַסערמאַן אין אַ ווײַס קליידל דערציילט עפּעס דעם שמייכלענדיקן מאָסקווער גאַסט...

דרײַ לעצטע יאָרן פֿון איר לעבן האָט זי פֿאַרבראַכט אין קעשענעוו, בײַ איר זון סערגאָ. איך געדענק, ווי איך האָב זי באַגלייט, אַ שווער קראַנקע, אינעם כאַבאַראָווסקער

אַעראָפּאָרט. זי האָט מיר אַ קוש געגעבן און שטיל געזאָגט: "און איצטער גיי. מיר וועלן זיך מיט דיר מער ניט זען". און אַזוי איז טאַקע געווען.

זי איז געווען אַ שעמעוודיקע, זי פֿלעגט קיינמאָל ניט בעטן קיין הילף, הגם אין איר לעבן זײַנען געווען סיטואַציעס, ווען זי האָט זיך גאָר שטאַרק געניייטיקט עס זאָל נעבן איר זײַן אַ נאָענטער מענטש. זי איז געווען אַ פּשוטע און צומאָל קינדיש נאַיִוו. זי פֿלעגט זיך באַליידיקן, פֿאַרוואָס טעלעפֿאָנירן מיר אַזוי זעלטן, פֿאַרוואָס גייען מיר ניט אַרײַן צו איר צוגאַסט.

איצט קען מען שוין ניט טעלעפֿאָנירן צו איר, נישט אַרײַנגיין...

נאָר זי איז געווען מיט אונדז, זי האָט געלעבט צווישן אונדז און זי לעבט צווישן אונדז עד-היום. איר גורל איז דער גורל פֿון ארץ-ישׂראל און דער גורל פֿון ביראָבידזשאַן. אונדזער גורל.

לעאָניד שקאָלניק

געוועזענער רעדאַקטאָר פֿון דער צײַטונג "ביראָבידזשאַנער שטערן".

איבערזעצער אויף רוסיש פֿון ליובע וואַסערמאַנס לידער.

אַ וואָרט וועגן דער מאַמען –
סערגאָ בענגעלסדאָרף

אין אַ זײַטיקן, שטילן ווינקל פֿונעם קעשענעווער ייִדישן בית-עלמין שטייט אַ באַשיידענע מצבֿה, מיט אַ קליינעם מירמלנעם שטיין ווי אַן אָפֿענעם בוך. יעדער איינער, וואָס קען ייִדיש, לייענט אַ ליד פֿון אָט דעם בוך. עס הייסט "מײַן היים":

איך מאַך צו די אויגן און וויל זיך דערמאָנען,
איז וואָס זשע האָב איך דאָ בײַם קומען געטראָפֿן?
אַ קלייניקע סטאַנציע, צעוואַקסענע קליאָנען,
פֿאַרחלומט אין בלויקייט די טײַגע געשלאָפֿן.
קלייניקע הײַזלעך, באַגאָסן מיט שײַן,
ווײַסינקע בײַדלעך, געהילטע אין טויען,
די ברויזיקע בירע, וואָס גיסט זיך אַרײַן
אין ברייטן אַמור, אין ריזיקן, בלויען.

יאָ, "מײַן היים" דאָס איז ביראָבידזשאַן, די שטאָט, וואָס איז ניט געווען איר געבורטס-אָרט, נאָר איז געוואָרן פֿאַר ליובע וואַסערמאַן איר לעבן, איר אייביקע ליבע.
זי איז געקומען קיין ביראָבידזשאַן אין די 30ער יאָרן. און שוין אין די לעצטע יאָרן פֿון איר לעבן, אין קעשענעוו, ווו איך האָב זי געבראַכט נאָכן טויט פֿון איר מאַן, מײַן פֿאָטער, דעם ייִדישן אַקטיאָר משה בענגעלסדאָרף, האָט די מאַמע ווײַטער תּמיד געבענקט נאָך ביראָבידזשאַן. אַלע אירע געדאַנקען, געשפּרעכן, בריוו צו פֿרײַנד זײַנען פֿול געווען מיט ביראָבידזשאַן. און אַפֿילו די לעצטע לידער

אירע, געשאַפֿענע אינעם קעשענעווער שפּיטאָל, ווו זי איז געשטאָרבן, האָבן טאַקע געהייסן "ביראָבידזשאַן – מייַן היים", "צו מייַנע ביראָבידזשאַנער פֿרייַנד".
די מאַמע האָט דורכגעלעבט איר שווער לעבן פֿון סך-הכּל 67 יאָר. אַן אָרעמע קינדהייט ווי אַ יתומה אָן איר מוטער אין איר געבורטס-שטעטל סלאַוואַטיטש אין פּוילן, אַ שווערע פּראַצע פֿון אַ דינסטמיידל אין פּריוואַטע שטיבער און פֿון אַ שפּיטאָל-סאַניטאַרקע אין איר ארץ-ישׂראלדיקער יוגנט. אָבער די שווערסטע ניסיונות איז איר אויסגעקומען אויסצושטיין דווקא אין ביראָבידזשאַן. דאָרט האָט דער אַכזריותדיקער סטאַליניסטישער רעזשים פֿאַראורטיילט די שוואַכע פֿרוי, אַ מוטער און דיכטערן, וועלכע איז דאַן געווען אין סאַמע בלי פֿון אירע שעפֿערישע כּוחות, אויף לאַנגע זיבן יאָר פֿון תּפֿיסה און לאַגער, אָפּגעריסן זי מיט גוואַלד ון אירע טייַערע, דעם האַרציקן מאַן און זון, און פֿון איר געליבטער שטאָט.

ליובע וואַסערמאַן מיט איר מאַן און זון אין 1949, ערבֿ דעם אַרעסט

זי איז על-פּי-נס לעבן געבליבן אין די סיבירער לאַגערן, אָבער קומען צו זיך נאָך אָט דער טראַגעדיע האָט זי ניט געקאָנט ביזן סוף פֿון איר לעבן. פֿון די לאַגערן האָט די מאַמע זיך אומגעקערט אַ שווער קראַנקע. אין אירע 49 יאָר האָט זי אויסגעזען אַ זקנה. זי האָט באַקומען אַ קאַרגע פּענסיע צוליב אינוואַלידקייט. נאָר די פּאָעטישע שעפֿערישקייט האָט אונטערגעהאַלטן איר גייַסט, הגם יעדער שורה האָט פֿון איר געפֿאָדערט גרויסער מי און יעדער נייַ ליד האָט זיך פֿאַרענדיקט מיט אַן אַמבולאַנס, מיט טאַבלעטקעס, מיט אינזשעקציעס אָדער מיט שפּיטאָל-אינטערנירונג.

אַזוי האָט זי געלעבט ביזן סאַמע טויט. בלויז, מסתּמא, צוליב איר גוטהאַרציקן, מילדן כאַראַקטער איז די מאַמע ניט פֿאַרבייזערט און ניט פֿאַרביטערט געוואָרן צוליב איר קאַליע-געמאַכט לעבן. ביז איר סוף האָט זי געהאַלטן, אַז אַלץ אין איר לעבן איז זי שולדיק דעם סאָוועטן-לאַנד, וואָס האָט פֿאַרוואַנדלט אַן עם-האַרציש קליינשטעטלדיק מיידל אין אַ באַוווּסטער יִדישער דיכטערן. דעם סטאַליניסטישן טעראָר האָט זי געהאַלטן פֿאַר אַ טראַגישן טעות פֿון סטאַלינען, וועלכער האָט לשם דער "ליכטיקער צוקונפֿט" געשאָסן אירע אייגענע, סאָוועטישע מענטשן. נאָך דעם, וואָס מיר האָבן זיך דערוווּסט וועגן דעם "גרויסן פֿעלקער-פֿרייַנד און פֿירער" וואָלט די מאַמע אַנדערש געקוקט אויף די "טעותן" פֿון אָט דעם גרעסטן תּליין און גאָט פֿון אַלע צייַטן און פֿעלקער.

די מאַמע האָט קיינמאָל ניט דערציילט, אַז זי האָט

געשריבן לידער אין תּפֿיסה. פּונקט אַזוי האָט זי קיינמאָל ניט דערמאָנט וועגן איר ערשטלינג - דער פּאָעטישער זאַמלונג, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין 1931 אין תּל-אָבֿיבֿ. דער סטאַליניסטישער דראַקאָן, וועלכער האָט פֿיזיש פֿאַרניכטעט און צעקאַליעטשעט מיליאָנען מענטשן, האָט פֿאַרפֿלאַנצט אין די לעבן-געבליבענע אַ גרויסן פּחד, וואָס האָט זיי פֿאַרפֿאָלגט במשך פֿון זייער גאַנצן לעבן. בלויז אַזוי קען איך דערקלערן דער מאַמעס שווייַגן.

אָבער נאָך דער מאַמעס טויט, דורכקוקנדיק איר אַרכיוו, האָב איך געפֿונען אַן אַלטע צעפּליקטע העפֿט מיט קרומע בלייַערנע שורות, אויף וועלכער פֿריִער פֿלעג איך ניט לייגן קיין אַכט. און ווען איך האָב אָנגעהויבן לייענען אָט די פֿאַרשרייַבונגען, האָב איך ניט געקענט אייַנהאַלטן מייַנע טרערן. דאָס זייַנען געווען לידער אָנגעשריבענע אין דער כאַבאַראָווסקער תּפֿיסה און אינעם טייַשעטער לאַגער האָט זי, ווייַזט אויס, באַהאַלטן אָט די העפֿט פֿון וועכטער און אַריבערגעשמוגלט מיט זיך איבער תּפֿיסות און לאַגערן. כּמעט אין יעדער פֿון אָט די לידער דערמאָנט זי איר שטוב, איר געליבטן מאַן, איר בן-יחיד...

לייענענדיק דער מאַמעס העפֿט, האָב איך זיך דערמאָנט אין מייַן קינדהייט - אַ הונגעריקע, אַ קאַלטע, אָן אַ מוטער-צאַרטקייט, מיט אַ פֿריִער דערוואַקסנקייט - אין דער עלטער פֿון דרייַצן יאָר בין איך געצוווּנגען געווען צו אַרבעטן כּדי העלפֿן ווי-ניט-איז דעם פֿאַרלאָרענעם, פֿאַרצווייפֿלטן פֿאָטער, וועלכער פֿלעגט כּסדר פֿרעגן די טראַגישע פֿראַגע - פֿאַרוואָס האָט מען פֿאַרפֿאָלגט זייַן

ווייַב? פֿאַרוואָס האָט מען אָט די בלִיענדיקע פֿרוי, וועלכע איז געווען מיט דער גאַנצער נשמה איבערגעגעבן דעם סאָוועטן-לאַנד, די אידייען פֿון סאָציִאַליזם, צעקוועטשט און צעטראָטן? פֿאַרוואָס האָט מען אָפּגענומען בײַ איר די פֿרײַהייט? אָט דער הימלגעשריי "פֿאַרוואָס?" איז מיט אַ גוואַלדיקער קראַפֿט אויסגעדריקט אין איינס פֿון די בעסטע, לויט מײַן מיינונג, מאַמעס לידער "אין תּפֿיסה".
אין אָט דער זאַמלונג זײַנען אײַנגעשלאָסן אויך לידער, וואָס מײַן מאַמע האָט געשאַפֿן אין דער יוגנט, אין ארץ-ישׂראל. דאָס קליינע באַשיידענע ביכל, וואָס איז דערשינען אין ירושלים אין 1931, האָט מיר געשאָנקען, שוין נאָך דער מאַמעס טויט, איר נאָענטער פֿרײַנד, דער דיכטער יוסף קערלער. ער איז עולה געווען אַ סך פֿריער פֿון מיר. זײַענדיק נדיק אין קעשענעוו, האָב איך פּלאַנירט באַזוכן מײַנע קינדער, וועלכע האָבן דאַן שוין געוווינט אין ישׂראל. אין אַ טעלעפֿאָן-געשפּרעך מיט יוסף קערלערן האָבן מיר זיך צונויפֿגערעדט זיך טרעפֿן בײַ אים אין דער היים אין ירושלים. ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז עס וואַרט אויף מיר אַ סורפּריז. און טאַקע פֿאַר מיר איז געווען אַ פֿולע אומדערוואַרטקייט צו דערזען אין זײַנע הענט מײַן מאַמעס לידער-ביכל, וואָס איך האָב וועגן דעם פֿריִער קיינמאָל ניט געהערט.

איך האָף, אַז דער מאַמעס לידער וועלן געבן די לייענער אַ געוויסן בילד וועגן דעם קאָמפּליצירטן לעבן און שאַפֿן פֿון דער יִדישער דיכטערן ליובע וואַסערמאַן, וועלכע האָט געפֿונען איר אייביקע רו אין דער ערד פֿון

מאָלדאָווע. אָבער שעפֿער שטאַרבן ניט נאָך זייער פֿיזישן טויט. זיי לעבן אין זייערע ווערק, אין זייערע תּלמידים, אין זייערע יורשים. איך גלייב, אַז מײַן אַקטיווער אָנטייל אינעם ייִדישן קולטור-לעבן, פֿריִער אין מאָלדאָווע און איצט אין ישׂראל, איז אַ המשך פֿון דעם אויסלעבן זיך אין אָט דער קולטור פֿון מײַנע אומפֿאַרגעסלעכע עלטערן - דער ייִדישער דיכטערן ליובע וואַסערמאַן און דעם ייִדישן אַקטיאָר משה בענגעלסדאָרף.

סערגאָ בענגעלסדאָרף

פּיאַניסט, מומחה אין ייִדישער מוזיק, האָט אויסגעשולט זינגערס אין דער אינטערפּרעטאַציע פֿון קינסטלערישן ייִדישן ליד. דיקטאָר אין דער קעשענעווער ייִדישער ראַדיאָ און זשורנאַליסט פֿון פֿאָרווערטס.

דאָס לעצטע פֿאָטאָ-בילד מיטן מאַן ערבֿ זײַן פּטירה אין 1971

איבער באַרג און בלוי

ירושלים

איך האָב דיך ליב, דו שטיינער-שטאָט,
ווען דייַנע טעג צעטליִען זיך אין גרוי
און זעען אויס ווי בין-השמשות'ן
איבער ימים ווייַטע;
ווען די בערגער דייַנע
וויקלען זיך אין הימלען.
און ברושן-ביימער ציטערן
אין פּחד פֿאַר דער קעלט;
ווען מענטשן שלייַכן זיך
אין ווינקלען פֿון גאַסן,
זוכן זיך אַ דאַך
פֿאַר קומענדיקן רעגן;
ווען טורימדיקע קלויסטער-צלמים
שטייען ניט באַזונטע,
שנייַדן מער ניט אין די אויגן
מיט שוואַרצן גלאַנץ,
און קלויסטער-גלעקער
הערן אויף צו רופֿן
נאָך האַלבע נאַכט די מאָנאָטאָנע תּפֿילות;
ווען באַצלמטע גלחים,
ברייט צעלאָזטע סטאַנען,
פּיקן ווי די שוואַרצע קראָען נאָך אַ רעגן,

מיט אייגעלעך פֿאַרזשמורעטע אַוווּ, אַווו
אין פֿליישיק ראָזע אַקסלען
דאָס נזירות צו דערשטיקן,
ווען ייִדן ברייט באַשטרייַמלטע
מיט באָרד-און-פּאות צעפֿלאָכטענע
קלאַפּן אין די צדקה-פּושקעס
אויף חיונה פֿאַרן ווינטער...
כ'טוליע זיך צו דייַנע רוקן-בערג
מיט טיף פֿאַרכאַפּטן אָטעם,
ווייַל מיר איז גוט
אין גרויער טיפֿער שטילקייט
פֿון דייַנע האַרבסטיקע כמורע טעג.
איך האָב דיך ליב, דו שטיינער-שטאָט,
ווען דייַנע טעג צעטליִען זיך אין גרוי
און זעען אויס ווי בין-השמשות'ן
איבער ימים ווייַט...

ירושלים 1929

תּל-אָבֿיבֿ

איך האָב זיך פֿאַרבענקט צו יענער שטאָט,
ווּ פֿאַרביקייט פֿאַרשיכּורט מײַן געמיט;
ווּ ברייטקייט כוואַליעט זיך
צום אינגעווייד פֿון מענטש און גאָט,
ווּ ים שטייט אויף נאַכט אײַן נאַכט אויס
און וואַשט די זאַמדיקייט פֿון תּאבֿותדיקע זינד.
בערג פֿאַרשטעלן ניט איר סוף-טאָגיקע זון,
מ'זעט איר קויל זיך קאַטשען ווײַט און ברייט,
ביז זי בלײַבט ניט אינעם האַרץ פֿון ים.
גוט איז תּל-אָבֿיבֿ האַלבע נאַכט נאָך חצות,
ווען רוּיִקייט שלײַערט איר אַרום,
ווי אַ יונגע כּלה אין אַ ווײַסער חופּה-נאַכט.
שפּילט דער ים זײַן טאַנץ דער אייביקייט.
אָפּגעקילטע ליגן סטענגעס גאַסן,
אויס רעש און אײַלנדיקע טריט.
פֿאַלן שטיקער נאַכט אויף מײַנע הענט
און תּפֿילהדיק שעפּטשע איך שטיל:
שיין איז תּל-אָבֿיבֿ, די פֿרילינג-שטאָט!

תּל-אָבֿיבֿ 1929

אַ טאָל אַזאַ

אַ טאָל אַזאַ פֿעלדזיקער
ציט מיך אַריַין,
אַ נאכט אַזאַ שטילע
מיט בעכערס פֿול וויַין.

טרינק איך פֿונעם בעכער,
פֿאַרשיכּורט דאָס געטראַנק.
קום איך דאָרטן נאַכט נאָך נאַכט
און הער דעם גלאָקן-קלאַנג.

ירושלים 1931

מינוט

אַ מידע זיסקייט צעגיסט זיך
איבער לייַב און גלידער,
דער קערפּער ברענט אַ הייסער
און ווערט פֿון תּענוג מידער.

שטורעם און עקסטאַז צעברויזן זיך,
צעכוואַליעט זיך דאָס בלוט,
ווערן וועלטן, ווערן לעבנס
פֿאַרווישט אין דער מינוט.

ירושלים 1931

אַ נאַכט, וואָס טאָגט

אינעם ברייטן טיפֿן טאָל
ווינט דער גרויער האַרטער שטיין,
און אויף אים אין שטילער נאַכט –
איך און דו אַליין.

האָט די נאַכט די שטילע בלויע
איבער באַרג און בוים געשפּרייט,
האָט דער הימל ריין און לויטער
קליינע שטערנדלעך פֿאַרזייט.

האָבן גלעקער פֿון דער נאַכט
אויפֿן טורעם זיך צעקלונגען,
האָבן הערצער צוויי געצאַפּלט
און אין שטומען וויי געזונגען.

האָבן ליפּן שטיל באַוועגט זיך,
און קיין וואָרט זיך ניט געזאָגט.
איז געווען אַ נאַכט אַזאַ,
אַ נאַכט, וואָס האָט געטאָגט.

ירושלים יוני, 1931

ייִאוש

כ׳האָב געוואַנדערט
און געוואַנדערט
גאַנצע טעג,
גאַנצע נעכט.
ווּ דער וועג?
און וואָס דער ציל?

כ׳האָב געזוכט
און געזוכט
גאַנצע טעג,
גאַנצע נעכט:
אַ שטראַל פֿון זון,
פֿון ווינט אַ גלעט,
און געפֿונען:
שוואַרצע שאָטנס,
גראָווע אומעט,
גרינע גאַל.

כ׳בין געגאַנגען
און געגאַנגען
גאַנצע טעג,

גאַנצע נעכט.
אויף דערנער-וועגן
פּיס צעשטאָכן,
דאָס געמיט פֿון פּייַן צעבראָכן,
איז דער מוט מיר אויסגערונען
און דער וועג נאָך ניט געפֿונען.

ירושלים 1931

ביַים קבֿר פֿון ליובע וואַסערמאַן

שניט

זון און שייַן פֿון מאָרגן-רויט
באַשייַנט דאָס פֿעלד מיט קאָרן-ברויט.
פֿויערים-מיידלעך ברוין פֿאַרברענט,
בינדן סנאָפּעס ־ פֿלינק די הענט,
געשפּאַנטע פֿורן מאַכן שטויב,
שוואַרצע קראָען זוכן רויב.
קומט אַ פּאַסטעך מיט די שאָף,
ווייסט ניט פּויערטע פֿון שלאָף.
ברויט, געקעכץ איז שטענדיק גרייט
אויפֿן גרינעם גראָז צעשפּרייט.
שטייט און פֿריידט זיך גרינער וואַלד,
הילכט אַ ליד פֿון אַרבעט באַלד,
בלויער טייַכל פֿליסט זיך שטיל
פֿאַרן פּויער טרייַבט די מיל.

פייזאַזש

אַ דינע בלויקייט האָט מעטשעטן–דעכער נעפּלדיק פֿאַרצויגן.
צעברענט האָט די זון הינטער באַרג זיך פֿאַרבויגן,
קלויסטער־גלעקער האָבן איבער באַרג און בלוי געקלונגען,
ערגעץ האָט פֿאַרבענקטע שטימע פֿונעם טאָל געזונגען.
איז אַ פֿאַסטעך צווישן פֿעלדזן אויף אַ פֿייַפֿל זיך פֿאַרגאַנגען,
האָט אַ ווינטל שטיל געגלעט אין פֿעלד די גרינע זאַנגען,
האָבן ווילדע רויטע בלומען מידע זיך געבויגן.
און אַ מיידל שלאַנק און בויגיק לאָזט אַראָפּ די אויגן...

ירושלים 1931

סאַניטאַרקעס און קראַנקען–שוועסטער אינעם ירושלימער שפּיטאָל אין סוף 20ער יאָרן. די צווייטע פֿון לינקס אין דער לעצטער ריי ־ ליובע וואַסערמאַן.

אויפֿגעוואַכט

כ׳האָב אויפֿגעוואַכט אין מאָרגן-בלוי
מיט ציטער אין מײַן לײַב:
אַ טראָפּן בלוט, אַ רויטע קרעל,
שוין רײַף – געוואָרן ווײַב.

אַ מידער שמייכל, אַ שטראַל פֿון זון,
חלומות אויסגעשפּונען,
ווי פֿון אַ הייליקן קרבן
אַ טראָפּן בלוט גערונען.

אַ ווײַסער בלײַכער פּנים
אַ הימל-בלויע טרער,
און אַ לעבן אויפֿגעגאַנגען
פֿון מיידלשן באַגער...

ירושלים 1931

***

האָסט מיך איינגעוויגט אין דיינע אָרעמס
ווי אַ יונגע מאַמע איר געבוירן קינד.
האָט געשמעקט פֿון דיינע האָר
דער פֿרישער ריח פֿון גרינעם וואַלד.
האָט זיך שטיל צו דיר געטוליעט
מיין פֿאַרהאָרעוועטער גוף,
איז אַוועק פֿאַר דיר די מורא
פֿאַר מינוטן פֿון ניט זיין...

ירושלים 1928

***

האָסט איינגעאָטעמט געזאַנג
פֿון חלומות פֿאַרנאַכטיקע מיינע,
האָסט אויסגעקושט מיינע אויגן פֿאַרטרערטע
פֿון אויסגעבענקטע שׂעהן.
און איצט?
אַ פֿאַרבענקטע מיט אויסגעגלאָצטע אויגן
זוך איך אין חלל אַרום
דעם ציטער פֿון דיין אויג...

ירושלים 1928

***

אין שטויביקע גאַסן באַטאָג,
אין אויפֿקום פֿון פֿרימאָרגן,
אין לבֿנה־ווייסער נאַכט, וואַרט אויף דיר מיט ציטער
מיין רייף געוואָרן לייב. ווי אַ ווייַנגאָרטן געזאַפּטיקט
וואַרט אויף שניטער־הענט, ווי צעשפּרייטע געלע
פֿעלדער תּבֿואה פֿון שיין פֿון זון צעברענט. אַזוי!
אַזוי ברענט מיין דורשט נאָך דיר...

ירושלים 1928

אנ אפשפיגלונג פונ דער נעשאמע

ניט נאר א רעצענזיע

„אי כ בענטש דאס לעבנ" — אזוי ווערט אנגערופנ די נײַע לידער־זאמלונג, וועלכע עס האט דא ניט לאנג ארויסגעלאזט דער כאבאראווסקער ביכער־פארלאג. איר אווטאר איז די דיכטערינ ליובע וואסערמאנ, וועלכע האט א סאכ יארנ געלעבט אינ בירא־בידזשאנ. זי איז שוינ אוועק פונעמ לעבנ, נאר אירע לידער ווילע, מילדע, פראסטע אונ העלע זײַנענ ווידער געקומענ צומ לײענער, צונויפגעזאמלטע אינ א בוכ.

ליובע וואסערמאנס שאפונג איז זעלטנ צונויפגעזאמלט געווארנ אונטער א בוכ־הילע, צײַטונג־שפאלטנ, זשורנאל־ציקלענ, אלמאנאכנ, אבער ביכער זײַנענ, צומ באדויערנ, געווענ זייער ווײניק. אונ דאס איז בעעמעס א פרייד, וואס דער צונויפשטעלער פונ דער לידער־זאמלונג, לעאניד שקאלניק, דער רעדאקטאר ניקאלײַ קאבושקינ האבנ זיכ באמיט צונויפזאמלענ די איבערזעצונגענ פונ וואסערמאנס לידער (ווי עס איז באוווסט האט זי געשריבנ אפ יידיש), צונויפזאמלענ זיי, אויסשטעלנ אינ רײ אינ א בוכ־פארמ. אײנע פונ אירע לידער ווערט אנגערופנ „א ווענדונג צו די פרײַנט". די פרײַנט האבנ זי ניט אונטערגעפירט אונ די גוטסקײַט ניט פארלוירנ — בײַ די לײענער אינ די הענט — ליובע וואסערמאנס לידער־זאמלונג.

מיט העכער צוואנציק יאר צוריק איז מיר אויסגעקומענ זיכ באגעגענענ מיט ליובאן שאמאוונע אינ איר דירע אפ דער טעאטראלער־גאס פונ בירא־בידזשאנ. עס האט זיכ פארגעקנעקט דער שטילער מילדער אונטס אינ אנהייב ווינטער, דער סקריפ פונ די פארפרוירענע טראטוארנ אונטער די פיס, די ווײַכע שנײ אינ פענצטער. מיר זײַנענ געקומענ צו דער „מומע ליובע" אינצווייענ, ריכטיקער האט מיכ געפירט צוגאסט דער איצטיקער צונויפשטעלער פונעמ בוכ, דאנ נאכ אינגאנצנ א יונגער דיכטער—אנפאנגער. וואסערמאנ האט אונדז מקבל געווענ מיט געשמאקער טיי אונ בראטשענדיקע אראפאנ געבעקס. זי האט אונדז געלייענט אירע לידער, דערציילט

וועגנ די פארטראכטנ. זי האט זיכ דערמאנט די פארגאנגענע יארנ, די פרײַנט. אינ צימער איז אפנ דיוואנ געלעגנ איר קראנקער מאנ מוישע בענגעלסדארפ אונ אויפמערקזאמ געהערט אונזער שמועס, אלײַנ זיכ אינ אימ ארײַנגעמישט. אימ איז ניט לאנג געווענ פארבלײַבנ לעבנ, נאר ווער האט דאנ געקענט וויסנ וועגנ דעמ. אונ אט לײענ איכ אינ דער זאמלונג די דורכדרינגענדיקע ליד „יארצײַט", געווידמעטע בענגעלסדארפס אנדענק.

דערנאכ איז אוועק פונעמ לעבנ אויכ די מומע ליובע... אונ אירע לידער זײַנענ פארבליבנ, זײַנענ געקומענ, האבנ דערוואַרעמט. וואס איז אויגנ פאזיען יעדער דיכטער ווענ ענטפערנ אפ דער דאזיקער פראגע פארשידנ. וואסערמאנ ענטפערט אזוי: פאזיע — דאס איז בלוט, וואס נערט דאס הארצ. וואס פאר א הארצ איז בײַ דער דיכטערינ, וואס איז אינ אימ אײַנגעזאפט, וואס האט דערוואַרעמט אונ וואס האט אפגעבריטט דער גוירל איז בײַ ליובע וואסערמאנ געווענ נײַט קײנ געדענקטער, נאר דער פארדראס פאר די אויסגעמעקטע פונעמ לעבנ אכט יאר האבנ ניט אויסגעבריענט דאס הארצ. עס קאנ זײַנ, אז דאס האט איר ניט געגעבנ קײנ מעגלעכקײַט ארויסזאגנ הויכ, מיט א פולער שטימ...

די דורכדרינגענדיקע לידער, אנגעפולטע מיט דערינערונגע פונ דער קינדהײַט, וועלכע איז געווענ א שווערע, אומגעביטלעכע, וואנדערנדיקע, אינ די דאזיקע לידער שפירסטו דעמ סאכ פונ מענטשלעכנ זײַנ — פונוואנענ עס קומט אפ דער וועלט דער מענטש, ארעלכער איז ער. זיי זײַנענ א פראלאג פונעמ מענטשלעכנ גוירל.

מיט א נישט געצוואגנ קעפל,
מיט א נישט געוואשנ העמד
פלעג איכ שטיל זיכ שלײַכנ,
בלאנדזשענ אינ דער פרעמד...

אינ די לידער פאר די לעצטע יארנ פונ איר לעבנ איז צו זענ אנ אנדער קלונגשאפט, א שטרעבונג באווײַזנ די דערגרייכטע הויכ אפ די עלטערע יארנ („א שפיטאל", „יארצײַט", „אויגנ, „מײַנע פרײַנט" אונ אנדערע). מישפעטנדיק לויט דער לידער־זאמלונג וועט דער לײענער אפנעמענ ליובע וואסערמאנענ אלס א דיכטער־לירקער, א זינגער פונ דער נאטור, וואס קאנ זענ, דוכט זיכ, אומבאמערקט. נאר דאס איז ניט אינגאנצנ אזוי, כאטש וואס איז דאס פאר א ווישטאפקעס־האנעפּעש פונ א נאענ אנ לירישער וועלט־שפירונגז אוזלכע לידער זײַנענ מער, נאר אינ די לידער וועגנ שנײ אדער וועגנ טײַכ רײַסט זיכ פלוצעמ ארויס א געשטאלט, דרינגט דורכ די שורע ווי אנ אפענער אונ אנפארטרויטער פאר דיר סאד, אונ דאכ איז טרויעריק אינ איר לעבנ, כאטש איכ איבער, געווענ גענוג, אונ אינ דער דיכטונג האט זי ניט געוואלט טרויערנ, איר הארצ האט זיכ געריסנ צו דער קלארקײַט פונעמ לעבנ, צו ווונדערלעכע רעגעס פונ גליק אונ גלויבנ. דערמיט איז אונדז טײַער די עכטע פאעזיע.

א. טשערניאווסקי.

***

עס האָבן זיך מייַנע נעכט
אין בלאָנדע טעג אַרייַנגעעשניטן,
עס האָט אַ יונגע נייַע זון
שטראַלנדיק פֿאַרווישט
דעם חלום פֿון מייַן נאַכט.

פֿון נאַכט אַ יעדע שעה
איז אַ קוש געווען,
אַ שעפּטשע אין דער שטיל,
אַ יום-טובֿ אומגעריכט,
און פֿרייד אַ יעדער אָטעם.
אַ לידעלע פֿון שׂמחה
יעדער נייַער ציטער:
דאָרטן אינעם צויבער-לאַנד,
אין אַ ווייַסן גאָרטן,
האָט אַ ביימעלע געבליט...

ירושלים 1931

שפּיטאָל

אַ האַלבע רויטע לבֿנה
האָט אין פֿענצטער אַריינגעקוקט,
מיט אַ בלויער צונג געלעקט
אַן אויסגעצאַנגען גוססדיק פּנים.

ניט־געזענע פֿינגער
האָבן אַ האַלדז געדריקט,
ס'האָט זיך דערהערט דער לעצטער,
שפּיציקער כאָרכל פֿון אַ לעבן.

דער לעצטער שמייכל
איז אין קרומעניש צערונען,
די פֿרייד פֿון לעבן איז צעגאַנגען
דורך אַ ציטער פֿון אַן אויג.

פֿון ווינקלען שטיל געגנענטערט,
געטאַנצט אַ פֿאַרליבטן טאַנץ
מיט שייַנען פֿון דער לבֿנה.

ערגעץ ווו האָט אַ הונט
אין דער נאַכט אַריין געקלאָגט,
צעפּליקט אַ געשלוקערצטן קדיש,
וואָס עמעץ האָט געזאָגט.

ירושלים 1931

סלאָוואַטיטש

סלאָוואַטיטש

פֿישלען

אויף אַ בערגל שטייט מייַן שטעטל,
מיט אַ קייַלעכדיקן מאַרק,
שלענגלט זיך אַ טייַכל דאָרטן
צווישן טאָל און בערג.

די שטיבער זייַנען הילצערנע
מיט דעכעלעך פֿון שטרוי,
די פֿענצטערלעך פֿירקאַנטיקע
שפּיגלען זיך אין בלוי.

פֿעלדער, גרינע וועלדער,
אַ וואַסער ווי אַ שפּיגל,
שטייט דאָרט אין אַ שטיבעלע
מייַן אויסגעפּלאָכטן וויגל.

ווינטער, רויך פֿון קוימענס,
מאַמעס קאָכן, וואַשן,
ייִנגעלעך מיט פּאה׳לעך
ווילן צוקער נאַשן.

מענער לערנען יום-ולילה
בייַ גמרא׳ס אויסגעשפּרייטע,

ווײַבער האָרעווען, פּאַרדינען,
ברענגען אַלדאָס גרייטע.
פרנסה איז אין סלאָוואַטיטש
אַ דאַנקען גאָט בײַ ייִדן:
נאַרט די מאַמע אָפּ אַ פּויער,
און זי - געלויבט איז ער - צופֿרידן.

ווער עס האַנדלט צו מיט סמאָלע,
ווער מיט זיי און טראָן,
די דריטע האַנדלט גאָר מיט אייער,
די פֿערטע טאַפּט אַ האָן.

טימאָפֿיי פּירט גרינס און בעבלעך,
יאַקים שלעפּט אַ קעלבל,
די מאַמע קומט שוין דורך מיט זיי
פֿאַר סחורה פֿון געוועלבל.

נאַסטיע פּליקט אַ הערינג,
מיקיטאַ טריקנט אין שענקל,
סטעפֿאַן האָט אַן עולה -
שלאָגט ער מיט אַ בענקל.

שמייכלען פֿרומע ייִדן
גנבֿיש אין די בערד,
אַבי דער פּדיון איז נישט שלעכט,
קאָפּ זיי אין דער ערד!

אויס יאַריד, פּוסטע טעג
פֿאַרנאַכטן, רויִק-שטילע,
זיצן ווײַבער אויף די פּריזבעס,
באַרעדן בערלס "פּסילע".

אַליין געזען זי מיטן גוי -
שושקעט פּרומע זלאַטע,
און אַלטע חוה שושקעט צו:
קאָן ווערן פּראַנצעוואַטע!

ווערט געמאָסטן יעדע זינד,
צעלייגט מיט גרויס כּוונה,
צוליב דער מעשׂה "אשת-איש"
איז יעדנס קינד אין סכּנה.

און זעלדע יענטע חיימס
גייט קיינמאָל ניט צו טבֿילה,
דערפֿאַר האָט זי אַ קינד געמפּילט
יום-כּיפּור פּונקט צו נעילה.

נאָר כּלה-מייד, צנועות ריינע
חלומען טעג און נעכט:
זאָל אַ זיווג גיכער קומען
וואָלט שוין זײַן ניט שלעכט.

און סלאָוואַטיטשער יוגנט
שמעקט שוין צו קולטור,
להכעיס די פֿרומאַקעס,
וואָס קירצן זיי די יאָר.
דער סאַלטעס בערל קאַקלער,
אבֿרהמס פֿאַנפֿענאַטער
האַקן טיר און פֿענצטער,
ווען עס שפּילט "טרעיאַטער".

קומט אַמאָל אַן "אָוונט"
פֿון בחורים מיט מיידלעך.
לייגט מען באַלד אין חרם
און ס'שטעטל גייט אויף רעדלעך.

האָט מען ביכלעך אויפֿגעזאַמלט
פֿאַר אַ ביבליאָטעק,
דערטאַפּן חסידים דאָס טריף-פּסול,
צום טײַך דערמיט אַוועק...

און קינדערלעך באַסמאַרקעטע,
מיט קעפּעלעך ניט צעקעמט,
וואַקסן אויף און מענטשלען זיך,
אַנטלויפֿן אין דער פֿרעמד.

טאַטעס־מאַנעס ווערן אַלט,
גרויער פֿאַר דער צײַט,
קוקט מען אויס אויף בריוועלעך
פֿון קינדער פֿון דער ווײַט.
שטייט דער מאַרק אַ טויטער שטילער,
יוגנט איז צעפֿאָרן,
זיצט אַ מאַמע אין איר שטיבל,
באַוויינט די וויסטע יאָרן.

ירושלים 1931



די הילע פֿון ליובע וואַסערמאַנס לידער־זאַמלונג "איך בענטש דאָס לעבן".

מאַמע

שׂרה'ן

די אויגן לעשן זיך
מיט אַ מידן געלן גלאַנץ.
הענט פֿאַלן מידע נאָך דער אַרבעט,
ווי אונטערגעהאַקטע צווייַגן.
די פּיס זעען אויס ווי סענקעוואַטע
אונטערגעפּוילטע וואָרצלען.
די פּלייצע געבויגן
פֿון אייביקער שווערער פּראַצע;
די בלאָנדע האָר פֿאַרפּאַטלט
פֿאַלן אויס, ווי גראָז
אויף אַ האַרבסטיקער לאָנקע.
און טראָפּנסווייַז,
ווי אַ האָן אַ געקוילעטער נאָך דער שחיטה,
אַזוי בלוטיקט אויס דער מוטער-לייַב
דאָס קינד.
דער מידער גוף, ניט וואַרעמט ער אויס
די נייַן-חדשימדיקע פֿרייד
פֿון אויסגעבענקטע שׂעה'ן.
און קינדער ווערן געבוירן -
צעפּוילטע שמאָלע ביינדלעך.
ניט ווייַסע מאַמע-ברוסטן זויגן זיי,
נאָר אייגענע בלאַסע פֿינגער.

פֿאַלן די קעפּלעך זייערע אָן אַ זייַט
נאָך איידע רזיי דערוואַקסן.
און איבער דער קעלער-שטוב אויבן,
פֿיטערט זיך אויס אַ מאַמעס לייַב
אין איידלקייט און תּענוגים.
מיט פֿינגער אויסגעפֿלעגטע, לאַנגע,
מיט פֿאַבריק לאַנג נעגל,
מיט פֿיס ווי שטענגלעך פֿון ליליען,
מיט שטיל געמאָסטענע טריט,
ווי איבער טיפֿע היילן.
און שוואַנגערט זי -
דאַן גייען איר דינסטן נאָך
מיט שטילן אייַנגעהאַלטענעם אָטעם,
ניט צו שטערן די הייליקע רו.
און האָט זי קינדער -
זייַנען זיי ווייַסע און פֿעטע
נאָך פֿון דער מאַמעס בויך,
פֿון גרויסע ברוסטיקע, פֿעטע אַמען.
אָרעמע, קראַנקע, שטיל-געבויגענע מאַמע!
איין מאָל אַ געשריי,
אַ גרויזאַמען, לעצטן,
ווי אַ שפּייַ פֿון לעצטן טראָפּן בלוט.
זאָל דער שפּייַ זיי טרעפֿן
גלייַך אין שמייכלענדיקן שטאָלצן מויל,

זאָל דייַן גרויל אַריבער זייער לייַב,
זאָל אַ טרייסל אַריבער
איבער דער פֿולער טראַכט...

ירושלים 1931

דערזען מײַן װעלט

מײַן טײַך

פֿאַרבײַ מײַן פֿענצטער, דאָ ניט װײַט,
אַ באַרג־טײַך פֿליסט און יאָגט פֿאַרשײַט,
בײַ ברעגן, אינדזלען, פֿלײנען גרינע
זײַנע כװאַליעס רױשיק רינען.

און אַ נאָמען ער פֿאַרמאָגט,
פֿריש, װי אָט דער מזרח־טאָג.
טאָג און נאַכט עס זינגט מיר שׂירה
מײַן שײנער טײַך, מײַן ליבע בירע.

פֿאַרטאָג

איך האָב ליב פֿאַרטאָג, ווען איך גיב דיר זויגן,
און אין דייַנע אייגעלעך שפּילט די ערשטע שייַן,
צעעפֿענען זיך אויך מייַנע גרויע אויגן
און מייַנע מידע גלידער ווערן פֿול מיט וויַין.

אַזאַ שטילקייט נעמט מיך דאַן אַרום,
מייַן גרויער בליק ווערט צאַרט אַזוי פֿאַרגאַפּט,
צעעפֿנט זיך דייַן מייַלכל, ווי אַ קנאָספּ אין בלום
און ציט זיך צו מייַן ברוסט
ווי אַ פֿייגעלע נאָך זאַפּט.

שיכּורט אָן דייַן קערפּערל מייַן געמיט,
איז זאַפּטיקער פֿון וויַינטרויבן יעדער אָטעם דייַנער,
אַ קוק פֿון דייַנע אייגעלעך איז פֿאַר מיר אַ ליד.
עס שמעקט פֿון דיר מיט וואַרעמקייט, ייִנגעלע מייַנער!

און דייַן מאַמען האָסטו היינט צום ערשטן מאָל דערקענט,
צוויי בונטע שטראַלן האָבן דייַנע אייגעלעך צעהעלט.
איך האָב דיך אַרומגעטראָגן אין מייַנע הייסע הענט,
אין דייַן ערשטן שמייכעלע דערזען האָב איך מייַן וועלט!

***

קאַזאַקעוויטשן

אַ האַרציקער, אַ פּראָסטער, אַ חבֿר און אַ לערער,
האָסטו נאָכגעשפּירט נאָך יונגע דיכטערס טריט,
מיט ליבע און מיט צאַרטקייט אין "ב.שטערן"
האָסטו רעדאַקטירט מײַן ערשטע שטילע ליד.

איך זע דיך אַזאַ מונטערן אין אַ שינעל אַ לאַנגן,
אָנגעזאַפּט מיט וויסן, שאַרפֿזין און שׂכל.
דאָ האָב איך געהערט דײַנע האַרציקע געזאַנגען
דורכגעוועבט מיט חכמה און מיט מילדן שמייכל.

האָסט מיט ערשטע בויער אַ שײַטער דאָ צעצונדן.
אין וועלדער צווישן יעגער בײַ גרענעצלער אין צעלט.
ביסט געווען אַ מענטש, אַ ראַטגעבער, אַ גרינדער
בײַ וואַלדהעקער אין טײַגע, מיט קאָלווירטניקעס אין פֿעלד.

דער ערשטער שניי

דעם אמת זאָג: דיר דאַכט זיך ניט,
אַז ס'שמעקט אַזוי דער ערשטער שניי,
ווי אמתער אַקאַציע-צוויט?
יאָ, ס'שמעקט אַזוי דער ערשטער שניי.

און ס'דאַכט זיך דיר ניט אויס, ווי מיר,
ווען ס'פֿאַלט אויף אונדז דער ערשטער שניי,
אַז ס'ווימלען טויבן אָן אַ שיער
אין פֿריידיק-לוסטיקן געדריי?

איז ווי זשע קאָנסטו שווייַגן הייַנט?
דו טרייסל אָפּ פֿון זיך דעם וויי,
דערלאַנג מיר האָפֿערדיק דייַן האַנט!
אַנטקעגן קום דעם ערשטן שניי.

***

ערשטער רעגן, ערשטער רעגן,
דיך מיט פֿרייד איך האָב באַגעגנט,
זײַ געבענטשט און זײַ באַגריסט!
אַלע שטעגעלעך און וועגן
פֿון מײַן קאַנט און פֿון מײַן געגנט
האָסט געוואַשן און באַפֿרישט.

דײַנע טראָפּנס אויף די שויבן
וועל איך קלײַבן, וועל איך לויבן -
סאַראַ שיינקייט, סאַראַ פּראַכט!
אויף אַ שנירעלע זיי סילען
זאָלן זי ווי סטרונעס שפּילן
ביז אין בלויער נאַכט,
ביז דער בלויער נאַכט.

* **

ווידער האַרבסט דערלעבט איך האָב -
ווי געשענקט מיר עמעץ האָט אים.
אײַנגעהילט אין גאָלד, זײַן גאָב
טראָגט ער מיט זײַן פֿרישן אָטעם.

אַ פֿאַרשײַטער יאָגט דער ווינט.
נעמט די זון די בלעטער געלע
און פֿון זיי אַ טעפּיך שפּינט
פֿאַר דער וועלט מיט פֿאַרבן העלע.

פּלאַפּלען ביימער... און מיר דאַכט -
וועגן יונגן ברויז זיי ריידן.
וועגן דעם, מיט וואָס דאָס האַרץ
קיינמאָל ווילט ניט זיך צעשיידן.

פּרצ׳ן

שטיל אַ יאָרצייַט-ליכט דערברענט,
דער קאָפּ פֿאַרזונקען אין די הענט,
עס צאַפּלט זיך דאָס האַרץ אַצינד...
אין דרויסן וואָיעט, וויינט אַ ווינט...
אַ קינד אַ קליינס כ׳בין דאַן געווען.
אויף לעבן לאַנג איך האָב פֿאַרהיט
דעם גרויסן שוווּנג פֿון דייַן געמיט.
דייַן ניט-פֿאַרענדיקט שוואַנען-ליד -
"שטילער, שטילער,
דאַנקען וויל ער"...
ס׳איז בייַם שרייַבטיש איין אַליין
דאָס האַרץ דייַן גרויס געבליבן שטיין...
שטיין געבליבן אין דער מיט,
ניט פֿאַרענדיקט איז דאָס ליד.
וואָס יעדער קינד האָט עס געגאַרט
און מיט שטילן וויי געוואַרט...
געוואַרט אין פּאָליש אויף דער קייט,
געוואַרט בייַם פֿרעמדן חופּה-קלייד,
אין קעלער-שטוב געוואַרט האָט טרייַנע,
אין שווערער נויט די מאַמע מייַנע,
וואָס האָט אין בלינדקייט און אין קרענק
נאָך ליכט נאָך דייַנעם שטיל געבענקט.

דייַן יעדער וואָרט – אַ זון, צעהעלט -
אויסגעלייזט מוז זייַן די וועלט!"
האָסטו נבֿואות דאַן געזאָגט,
אַז קומען מוז אַמאָל אַ טאָג -
אַ ליכטיקער, אַ ריינער!
באָנטשע שווייַגט שוין איצט ניט מער,
זייַן אויג איז לויטער, ווי אַ טרער,
ער איז אַוועק איצט אין געפֿעכט,
אָפּצוּווישן אַלדאָס שלעכטס
פֿון אונדזער וועלט דער שיינער...
ניט צוגעבונדן שוין צום פֿערד
וואַלגערט זיך אין שטויב אויף ערד
די פֿרוי פון "דרייַ מתּנות".
זי שפּאַנט פֿאָרויס אָט איצט אַהין,
זי שפּאַנט מיט אַלע קיין בערלין
מאָנען, מאָנען, מאָנען!

איר דורכדרינגלעכ וואָרט

צומ 75־טנ געבורטסטאָג פונ ליובע וואַסערמאַנ

הײַנט וואָלט די באַוווּסטע ביראָבידזשאַנער דיכטערינ, פּראָזאַיקערינ אונ זשורנאַליסטקע ליובע וואַסערמאַנ אַלט געוואָרנ 75 יאָר. וואָלט...צומ גרויסנ באַדויערנ, האָט זי צו אָט דעמ יאָרטאָג ניט דערלעבט.

אויפֿנ קעשענעווער בית־עולמ שטייט א ניט גרויסער פּאַסטאַמענט אונ אויפֿ איט — א צעעפֿנטער מירמלנער בוכ, אויפֿ וועלכנ עס זײַנענ אויסגעקריצט די שורעס פֿונ ליובעס באַוווּסטער ליד „מײַנ היימ". איר היימ איז געווענ ניט דאָ, וו איר קינדער, מיט איר יינגסטער טאָכטער, ווײַטער, אינ ביראָבידזשאַנ. צו איט האָט זי געווענדעט איר דורכדרינגלעכ וואָרט:

מיט צײַטער די ערשטע טריט כ'האָב
געשטעלט
אונ געזאָגט כ'האָב אזוי: גענוג שוינ
צו גיינ.
אונ ראַכוועס דער בלויער דערזענ כ'האָב
מײַנ וועלט,
דערפֿילט מיטנ הארצנ, אז דאָ איז מײַנ
היימ.

דערפֿילט האָט זי עס אינ אָנהייב פֿונ די דרײַסיקער יאָרנ, ווענ זי איז געקומענ אהער, ביז דעמ איז איר באַשערט עמעס ניט ווײַניק אויסגעקומענ ניט נאָר גיינ, נאָר אויכ ריזנ אונ וואַנדערנ, דורכמאַכנ פֿיל איבערלעבונגענ, וועלכע פֿאַלנ אויס אויפֿנ גורל פֿונ א מענטשנ, וואָס זוכט אינ די באַדינגונגענ פֿונ דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט זײַנ גליק אונ קאָנ עס דאָרט ניט געפֿינענ.

ליובע וואַסערמאַנ איז געבוירנ געוואָרנ דעמ 5 דעקאַבער 1907 יאָר אינ בּילנ, אינ א קליינ שטעטעלע סאָראָקער טיטש בא אָרעמע עלטערנ. איר שווערע קינדהייט האָט זי שפּעטער איבערדזשיקלעכ באַשריבנ אינ דער דערציילונג „גענײַקעלעכ". זוכנדיק אַנ אויסוועג פֿונ דער אויסוועגלאָזער לאַגע אינ שטעטל, לאָזט זיכ אַוועק די 17־יאָריקע יעסוימע קיינ פּאַלעסטינע, וו עס האָט געלעבט איר ברודער. דאָ אַרבעט זי אַלס דינסט, אַלס אָפּראַבעטערינ אינ א שפּיטאַל, דאָ שליסט זי זיכ אָנ אינ דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, הייבט אָנ שרײַבנ אירע ערשטע לידער אונ דאָ דערשײַנט איר ערשט ביכעלע. אינ דער פֿאָרטיל צו דעמ האָט אירער אונ עלטערער כאַווער געשריבנ: „דאָס זײַנענ נאָר עטלעכע בלעטלעכ, ערשטע פּרווונ אונ דאָכ א צושטײַער צו דער דערווײַל אזוי זעלטענער ידישער פֿרויענ־לירעק".

פֿאַר אָנטייל אינ דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער באַוועגונג ווערט ליובע וואַסערמאַנ אַרעסטירט, דערנאָכ אַרויסגעשיקט פֿונ לאַנד. דאַנ קומט זי אינ סאָוועטנלאַנד אונ געפֿינט דאָ איר עמעסע היימ. אינ 1934 יאָר באַזעצט זי זיכ אינ ביראָבידזשאַנ.

אַנ עכטנ אויפֿל דערגרייכט ליובע וואַסערמאַנס שאַפֿונג אינ דער היגער ליטעראַרישער סוויווע, וו זי האָט זיכ באַפֿרײַנדעט מיט אזעלכע טאַלאַנטפֿולע שרײַבער, ווי עמאַנויל קאַזאַקעוויטש, בוזי אָליעווסקי, הירש דאָבינ אונ אַנדערע.

ליובע וואַסערמאַנ האָט זיכ אויסגעצייכנט מיט איר גערעכטיקייט צומ לעבנ, מיטנ דורשט צו אַלעמ נײַעמ אינ דער מ' פֿונ אירע לאַנדסלײַט. פֿאַר איר איז קאָנ געווענ אויסצודריקנ דאָס אַלצ אינ דער ליד, האָט זי געשריבנ דערציילונגענ, פֿאַרצייכענונגענ וועגנ לעבעדיקע מענטשנ, אויסגעמעלעכע מער אַפֿ פֿאַרשיידענע געביטנ, וויע' לעבנ אינ אומעטע זײַנענ ברייט באַוווּסט געוואָרנ אייטער דער געגנט אדאַנק ליובע וואַסערמאַנס האַרציק אָנגעשריבענע פֿאַרצייכענונגענ, וואָס האָבנ זיכ געדרוקט אינ „ביראָבידזשאַנער שטערנ" אונ „סאָוועטיש היימלאַנד". ביז איצט געדענקענ זיכ נאָכ אירע דאָקומענטאַלע אונ גלײַכצײַטיק קינסטלערישע פֿאַרצייכענונגענ וועגנ דעמ מײַסטער „גאָלדענע הענט" פֿונעמ ביראָבידזשאַנער זאַוואָד פֿונ קראַפֿט־טראַנספֿאָרמאַטאָרס הילעל בלעכערמאַנ, וועגנ דער פֿאַרגעשריטענער פֿאַרבינדלערינ בערטע שפּילקאַ, דער טרייסטאַטשאָטערינ בעטיע גוראַלניק, דער לערערינ פֿאַרע יאָר קאָלעסנאָ מענימ, דעמ דאָקטער ווײַנבערג אונ אַנדערע.

אינעמ ערשטנ נומער פֿונ „סאָוועטיש היימלאַנד" אינ אַנ אַרטיקל וועגנ די ביראָבידזשאַנער שרײַבער ווערט געגעבנ א הויכע אָפּשאַצונג דער פּאָעטישער שאַפֿונג פֿונ ליובע וואַסערמאַנ. ביפּראַט ווערט אָפּגעמערקט איר אינטערעס צומ נײַעמ גורל פֿונ דער ידישער פֿרוי אינ סאָוועטנפֿאַרבאַנד. אינ איר ליד וועגנ דער שאָלעמ־אַליי־כעמ־גאַס אינ ביראָבידזשאַנ האָט זי געשריבנ:

כ'האָב ליב צו זיצנ דאָ אינ שײַנעמ
סקווער,
פֿונ יונגע מיידלעכ הערנ דעמ געלעכטער,
אונ וויסנ: ס'וועט ניט איבערכאַזערנ זיכ
מער
דער אַלטער ווײ פֿונ טעוויעס טעכטער...

די לעצטע יאָרנ פֿונ איר לעבנ איז די דיכטערינ געצוווּנגענ געווענ צוליב פֿאַמיליע־אומגעלעגנהײַטנ בײַטנ איר וווינאָרט. זי איז אַריבערגעפֿאָרנ קיינ קעשענעוו. נאָר מיטנ הארצ איז זי פֿאַרבליבנ אַפֿנ ווײַטנ מיזרעכ, אינ ביראָבידזשאַנ, וו זי האָט אַזויפֿיל יאָרנ געלעבט אונ געאַרבעט.

ליובע וואַסערמאַנ איז געשטאָרבנ דעמ 2 מאַרט 1975 יאָר. נאָר עס ווערנ ניט פֿאַרגעסנ אירע לידער, אירע פּראָזע־ווערק, עס לעבט דער אָנדענק וועגנ איר גאַנצנ צאַנעדיקנ אונ מוטיקנ שאַפֿנ, א פֿולנ מיט גוטסקייט אונ ליבע צו מענטשנ.

ב. מילער.

ליובע וואַסערמאַנ

אינ א שניייִקער נאַכט

אזוי צאַמפּיק דער שניי האָט געשאָטנ,
ווי פֿונ קאַשטאַנ־בוימ פּוכיקע בלומנ.
בורא, ווי א שטאָלענער סערפּ,
האָט קרומ זיכ אינ סאָפּקעס
פֿאַרשניטנ.
סילבערנע ווײַס שײַנ די גאַסנ אונ
דעכער,
דער שניי — ער שיט אונ שיט.

מײַנ שטאָט אינ דער זונ עטוואַס
העכער,
ווי אינ פֿרילינג א בוימ, וואָס בליט...
איכ האָב ליב דאָ אַרומגיינ אַלײַנ
אינמיטנ ווינטער נאַכטיקע צײַטנ,
דער הימל איז קלאָר אונ ריינ,
כאָטש ביי שטערנדלעכ פֿלײַסיקע
קלײַבנ...

מייַן היים

איך מאַך צו די אויגן און וויל זיך דערמאָנען,
איז וואָס זשע האָב איך דאָ בייַם קומען באַטראָפֿן?
אַ קלייניקע סטאַנציע, צעוואַקסענע קליאָנען.
פֿאַרחלומט אין בלויקייט די טייַגע געשלאָפֿן.

קלייניקע הייַזלעך באַגאָסן מיט שייַן,
ווייַסינקע ביידלעך, געהילטע אין טויען.
די ברויזיקע בירע, וואָס גיסט זיך אַריין
אין ברייטן אַמור אין ריזיקן בלויען.

מיט ציטער די ערשטע טריט כ׳האָב געשטעלט,
און געזאָגט כ׳האָב אַזוי: גענוג שוין צו גיין.
אין רחבֿות דער בלויער דערזען כ׳האָב מייַן וועלט,
דערפֿילט מיטן האַרץ, אַז דאָ איז מייַן היים.

1947

אַן עפּלבוים

עס האָט אַ מענטש אַן עפּלבוים פֿאַרפֿלאַנצט
שוין לאַנג,
שוין לאַנג.
מיט ווײַסע בליצן פֿרילינג־צײַט ער גלאַנצט,
איז דאָס דאָך פֿאַר אַ דיכטער אַ געזאַנג.

געשטרײַט עס האָט אַ מענטש מיט טײַגע און מיט גאָט,
זיך קעגן ווילדעניש געווערט.
און ווו ער האָט געשטעלט זײַן טראָט,
איצט גרינט אַ סקווער.

דער מענטש שוין לאַנג געשטאָרבן איז,
נישטאָ,
נישטאָ.
נאָר אָנדענק זײַנער ניט פֿאַרדאָרבן איז
אין יונגער שטאָט.

אויב מענטש אַ ליכטיק הויז עס בויט
און ביימער פֿלאַנצן שטרעבט,
ניט שרעקלעך איז פֿאַר אים דער טויט –
ער לעבט,
ער לעבט.

צום 75 יאָריקן געבוירן פון ליובע וואַסערמאַן

ניש מיט פליצעמדיקן איבערזיז פון סאַציאַלן צער און צאָרן?

עס זענען נאָר שטיקלעך באַקאַנט. ערשטע פרוון און דאַך אַ צושטייער צו דער דערוויל אַזוי זעלטענער ייִדי־שער פרויען־ליריק".

ליובע וואַסערמאַן האָט אירע שאַ־פונגען, אין וועלכע אַ גרויס אָרט האָט איין פאַרנומען די טעמאַטיק פון איר

ראַטנפאַרבאַנד, דאָס לאַנד פון אירע יוגנט־טרוימען און באַזעצט זיך אין דער ייִדישער אויטאָנאָמען געגנט. אין די יאָרן פונעם אויפבלי פון דער ייִדי־שער קולטור אין ראַטנפאַרבאַנד, האָט זיך ערשט ברייט אַנטוויקלט איר טאַ־לאַנט אַלס דיכטערין און פּראָזאַאיקע־רין. זי האָט זיך געדרוקט אינעם ליי־טעראַרישן זשורנאַל «פאָרפּאָסט" און אין דער ציטונג «ביראָבידזשאַנער

רעגע היים אינעם פוילישן שטעטל סלאַוואַטיטש.

„איך וועל קיין קריעה דאָ נישט רייסן,
ס'איז מיין היים פאַרעלנדט, פאַרוויסט,
איך בין געבליבן דאָ אַליין,
שטיי איך איצט אויפן שליאַך אינמיטן
און איך טראַכט ווו צו גיין,
דערנער, שטיינער כ'האָב באַגעגנט,
געווען כ'האָב נאָר אַש און קויט
זאָגט, ביי וועמען זאָל איך פרעגן,
ווען מיין שטעטעלע איז טויט?
שוועסטער, ברידער, טאַטע, מאַמע
אין וועלכן קבר ליגט איר דאָ?
ווו בין איך געווען דעמאָלט
אין אייער לעצטער לעבנס־שעה?
ווו־זשע ביסטו אסתר בלאַטע,
מיט די שוואַרצע, לאַנגע צעפּ?
ווו־זשע ביסטו, שוועסטער מיינע
ס'איז דיין שיינער קאָפּ אין קרעפּ;
ווו־זשע ביסטו, ברודער לייבוש,
מיט דיין הויכן, קלוגן שטערן?
ווו־זשע ביסטו, ברודער דוד,
כ'וויל דיין שטימע איצט דערהערן,
נאָר עס ענטפערט קיינער, קיינער,
עס קוקט דער גרויל פון טויטע ביינער,
זאָל כאָטש ווער אַ געשריי טאָן,
זאָל כאָטש דאָ אַ האָן אַ קריי טאָן
אויף מיין גרויזאַמען געשריי".
נאָר עס ענטפערט קיינער, קיינער,
עס קוקט דער גרויל פון טויטע ביינער,

איך וויל קיין קריעה דאָ נישט רייסן
נאָך פאַרשניטן פּיצל קינד,
איך וועל קיין קדיש היינט נישט זאָגן,
וויל פאַרטראָגן וועט דער ווינט,
איך וויל מיין קאָפּ פון אַש דערהויבן
די טרער דערשטיקן, ווייטער גיין,
ס'גנעלן שפּאַנען אויך די מתים
צו דעם בלוטיקן, צום רהיין,
פון מיין אויסגעשאַכטן שטעטל
געקומען איז דער יום־הדין
און מיר האָבן נישט פאַרשפּעטיקט
צו דעם טויער פון בערלין.

אין די לעצטע יאָרן האָט ליובע וואַ־סערמאַן פאַרעפנטלעכט פיל פון אירע שאַפונגען אין זשורנאַל «סאָוועטיש היימלאַנד". אין דער «פאָלקס־שטימע" האָט זי געדרוקט אַ גרויסע צאָל לי־דער. צווישן. אַ ספּעציעל ליד, אָנגע־שריבן צום 15־טן יאָרטאָג פון אויפ־שטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. ליובע וואַסערמאַן האָט ליב געהאַט די וואַר־שעווער ייִדישע ציטונג. צוליב אַ שווערער קראַנקהייט האָט די שרייבע־רין אויף אַ געוויסער צייט אָפּגעשטעלט איר מיטאַרבעט מיט דער «פאָלקס־שטימע". אָבער זי האָט כסדר געטראַכט וועגן אירע ברידער — די פוילישע ...

יעדן טאָג

עס האָט פֿון איַז זיך אויסגעשיילט דער טײַך,
און פֿרילינגדיק די מילן רוישן.
ס'איז מײַ, און אַלץ איז מײַיִק-רײַך,
עס זינגט די וועלט, די וועלט די גרויסע.

און יעדן טאָג איך קום צום בירע-ברעג,
ווו כוואַליעס אויפֿגעוואַכטע וויגן זיך און וויגן.
און מיט די כוואַליעס טראָגט זיך ווײַט אַוועק
מײַן בענקענדיקער ניגון.

שנייען

שנייען, שנייען
ווימלען, דרייען,
הימלען זייען
שנייען, שנייען.

שנייען יאָגן
ווייַט און נאָענט
ווייַס דער טאָג איז,
ווייַס דער אָוונט.

שנייען שיטן
שנייען שוועבן,
שנעל אויף שליטן.

מײַן ביטערער לאָגל

אין תּפֿיסה

איך ווייס אין דרויסן איז שוין פֿרילינג
און דאָ איז שטיינערדיק און קאַלט.
איך ווייס, אין דרויסן ביימער בליִען,
נאָר אויף מיַין קאָפּ אַ שניי איצט פֿאַלט.

איך בין גרוי געוואָרן פֿאַר דער ציַיט.
מיַין פּנים ־ געל, מיַין אויג – פֿאַרטרערט.
דורך דער קליינער תּפֿיסה-שויב
קוקט אַריַין אַ שטראַל אַהער.

ער זאָגט מיר, אַז אויף יענער זיַיט
עס בלאָזט אַ צאַרטער פֿרילינג-ווינט.
ער זאָגט מיר אָן, אַז דאָ ניט וויַיט
עס וואַרט מיַין היים, מיַין מאַן און קינד.

און איך, אַ פֿויגל אין אַ שטיַיג
מיט פֿאַרשניטן, קראַנקן פֿליגל
גיי אויס פֿון בענקשאַפֿט שטיל צו איַיך
און זע אין טרוים מיַין קינדער-וויגל.

מיַין איינצל-קאַמער איז חושך שטיל,
אויף מיַין טיר – אַ שווערער שלאָס.
מע האָט צעטראָטן מיַין געפֿיל.
איך פֿרעג – פֿאַרוואָס? איך פֿרעג – פֿאַרוואָס?

1949

***

מײַן זײַן דאָ, אַ קײט פֿון װאַנדער און װאָגל
און פֿול איז מיט פּײַן מײַן ביטערער לאָגל.
פֿון מענטשלעכע טרערן ער גײט אַזש אַריבער.
װוּ ביסטו מײַן זון, מײַן האַרציקער ליבער.
דײַן קינדהײט געראַבט, דײַן מאַמען פֿאַרטריבן
אויף פֿרעמדן באַראָט ביסט, קינד מײַנס, פֿאַרבליבן,
אין טײַגע סיבירער. אין שטילן געװײן
גײט אויס דײַן מאַמע פֿון בענקשאַפֿט אַלײן.

1951

ליובע טשערניאַק

דער וועג פון א דיכטערין

כ'האָב ליב צו זיצן אין שײַנעם סקווער,
פון יונגע מיידלעך הערן דאָס געלעכטער.
און וויסן: ס'וועט ניט איבערבאַווערן זיך מער
דער אלטער ווײ פון טעוויעס טעכטער.

אזוי זינגט די דיכטערין ליובע וואסערמאן אין א ליד וועגן איינער פון די שענסטע גאסן אין דער הויפטשטאָט פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט, וועגן דער שאָלעם־אלייכעם־גאס. זי מאָלט די ייִדישע סאָוועטישע פרוי, וועלכע האָט, ווי אלע האָרעפּאשנע פרויען פון אונדזער גרויסן לאנד, צעריסן די קייטן פון קנעכטשאפט, און שוין 50 יאָר, ווי „דער אלטער ווײ פון טעוויעס טעכטער" איז אוועק אין דער פארגאנגענהייט. די שרײַבערין דערציילט, ווי זי האָט ליב צו הערן דאָס „געלעכטער פון די יונגע מיידלעך", וואָס האָבן, וועלן מיר צוגעבן, גאָר־גאָר א גרויסן בײַלעק אין די „דערפאָלגן, וועלכע די ארבעטנדיקע פון דער געגנט האָבן דערגרייכט אין דערווירטשאפטלעכער און קולטוררעלער בויונג", ווי עס איז געזאָגט אין אוקאַז פון פרעזידיום פונעם איבער־סאָוועט פון ססר וועגן באלוינען די ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט מיטן לענין־אָרדען.

ליובע וואסערמאן אליין האָט קינדווײַז ניט געוווּסט פון קיין געלעכטער. זי איז געבוירן געוואָרן אינעם קליינעם ייִדישן שטעטעלע פון פוילן סלאוועטיטש. אין עלטער פון זעקס יאָר איז זי געבליבן אָן א מוטער און איז אוועק מיטן אלטן קראנקן טאטן איבער די הײַזער בעטן נדבות. ווען מע האָט דעם טאטן אַרײַנגעלייגט אין הקדש, איז די קליינינקע ליובע געוואָרן א דינסט־מיידל. גאָר מאמעש אָן אייפעלע, האָט זי שוין פארזוכט דעם ביטערן טאם פון שטיין פון פרימאָרגן ביז שפּעט אין דער נאכט בא דער מולטער וועש און אָפּרײַבן זיך די הויט פון די הענט. ווי ווײַט זאָל זי זיך ניט פרייען, ווען זי הערט דאָס גליקלעכע געלעכטער פון יונגע מיידלעך, וועלכע קאָנען איצט זײַן אירע טעכטער אָדער אייניקלעך.

דער דיכטער־טאלאנט האָט בא ליובע וואסערמאן זיך אנטפּלעקט ווײַטער פרי, אין עלטער פון צען יאָר. שטייענדיק באַם אויוון, בא דער מולטער, וואשנדיק דעם דיל, האָט זי אין געדאנק געשאפן לידער. נאָר פארשרײַבן ווי האָט זי ניט געקענט — זי האָט זיך קיינמאָל ניט געלערנט. ליובע פלעגט פארפאסן צו אירע לידער מוזיק און אויסזינגען זיי פאר אירע באַלעבאטעס. יענע פלעגן שוין די לידער פארשרײַבן אף פּאפּיר.

אין 1924 איז וואסערמאן אוועקגעפאָרן צום ברודער קיין פאלעסטינע, קיין ירושלים. אויך דאָרט איז זי די ערשטע צײַט געווען א דינסטמיידל. שפּעטער האָט זי זיך אײַנגעאָרדנט אלס אויפראַמערין אין ירושלימער שפּיטאָל „הדסה". זי האָט זיך אויסגעלערנט לייענען און שרײַבן און פאָרגעזעצט איר דיכטערישע שאפונג. אין 1931 איז אין פאלעסטינע דערשינען איר ערשטע לידער־זאמלונג „פארנאכטן". זי איז געוואָרן א מיטגליד פון דער שרײַבער־אָרגאניזאציע „פען־קלוב".

אין פאלעסטינע איז די דיכטערין ל. וואסערמאן געוואָרן אויך אן אקטיווע טוערין פון דער קאָמוניסטישער באוועגונג, א מיטגליד פונעם ירושלימער קאָמיטעט פון „מאָפּר", א טוערין פונעם לינקן פליגל פון „היסטאדרוט". פאר אָרגאניזירן מאסאווקעס, פאר פארשפרייטן אומלעגאלע קאָמוניסטישע ליטעראטור האָט מען זי עטלעכע מאָל ארעסטירט און סאָפּקאָלסאָף ארויסגעשיקט פון לאנד. לויט דער הישטאדלעס פון „מאָפּר" האָט וואסערמאן געפונען איר היים אין סאָוועטנפארבאנד.

***

מײַן בענקשאַפֿט צו אײַך, ווי דער הימל איז טיף.
עס פֿלאַטערט מײַן האַרץ, ווי עס טרינקט זיך אַ שיף,
וואָס צאַנקט, שווימט אויף, גייט ווידער צו גרונט.
מײַן קיום איז פֿון אַ היימלאָזן הונט,
וואָס וואָיעט און קלאָגט צו דער קאַלטער לבֿנה,
אַ זאַק אַש אויפֿן קאָפּ, ווי אַ וויסטע אלמנה.

מײַן מוזע

מײַן מוזע, ווי אַ טויב אַ פֿאַרלאָזטע,
מיט פֿאַרבלוטיקט-פֿאַרשניטענע פליגל.
מײַנע לידער די האַרציקע פּראָסטע
אויף אייביק פֿאַרחתמעט, פֿאַרזיגלט.

מײַן האַרץ - אַ בלאַט אַ פֿאַרגעלטע,
אין פֿאַרוואָלקנטע טעג אין די טריבע,
מײַן נשמה - אַ פֿאַרפּײַניקט-פֿאַרבענקטע -
גייט אויס נאָך מענטשלעכער ליבע.

1952

לויט האַלקינען

מייַן צעל איז פֿינצטער, גליטשיק, ענג.
היילן פֿיר ווי קבֿר–גרוב.
איך האָב אויך אַמאָל געהאַט אַ היים,
כ'האָב אויך אַמאָל געהאַט אַ שטוב.

איצט אָנשטאָט אַ שטוב, אַ היים
דריקט מייַן קאָפּ רויטע ליים.
רויטער, גרויער ליים
פֿאַרבייַט מיר איצט מייַן ליבע היים.

געהאַט אַמאָל אַ טיר, אַ דאַך
אַ ליבן מאַן, אַן איינציק קינד,
שטילע היים, ווו גרינער סכך
אויף טיר און פֿענצטער האָט געגרינט.

איצט אָנשטאָט אַ דאַך, אַ טיר -
טיפֿע וועלדער פֿון סיביר,
אָנשטאָט דעם צערטלען פֿון מייַן קינד,
קלאָגט און וויינט דער טייַגע–ווינט.

געהאַט אַמאָל אַ פֿאָטערלאַנד,
ווען כ'האָב מיט ברייטער האַנט

מיַין האַרץ, מיַין טרוים און מיַין בלוט
געשענקט מיט ליבע און מיט מוט.
דאָס פֿאָטערלאַנד האָט מיך פֿאַרטריבן,
פֿאַריתומט איז מיַין היים פֿאַרבליבן.
אָנשטאָט אַ פרעכטיק פֿאָטערלאַנד,
שטיי איך שוין ביַים קבֿר-ראַנד.

אָנשטאָט אַ שיינע, ליבע היים,
דריקט מיַין קאָפּ רויטער ליים,
רויטער ליים, גרויער ליין,
פֿאַרבײַט מיר איצט מיַין ליבע היים.

מיט יאָרן, שפּעטער איך שוין קלאָר,
עס וועט מיך זוכן מיַין זון סערגאָ,
אין סיבירער טײַגע, צווישן הויכע בערג
וועט ער געפֿינען אַ בערגל ערד.

אין רויטן ליים, אין גרויער ליים
וועט זײַן באַהאַלטן מיַין געביין.
דעם קאָפּ געבויגן, אין אויג אַ טרער,
וועט ער וויינען שטיל, ניט פֿרעגן מער.

אין זײַנע אויגן – גרויל און חידוש,
שטיל וועט ער זאָגן:
דאָ ליגט באַגראָבן מיַין מאַמע, -
אַ דיכטערן, וואָס געזונגען
אין ייִדיש.

1950

ווידער קום איך צו מײַן טײַך

אויף שלום-עליכם-גאַס

דייַן גאַס איז דאָ מיט יונגע טאָפּאָלן באַזוימט,
און הויז צו הויז קומט צו דאָ הויך און העכער.
אויף יעדן הויז איז אויסגעקריצט דייַן טרוים;
אויף שילדל איינפאַכן – גאַס שלום-עליכם...

כ׳האָב ליב צו זיצן דאָ אין שיינעם סקווער,
פון יונגע מיידלעך הערן דאָס געלעכטער
און וויסן - עס וועט זיך ניט איבערחזרן מער
דער אַלטער ווי פון טביה׳ס טעכטער...

און דו אַמאָל, אין שווערע, טונקלע טעג,
האָסט דאָך געגלייבט - עס וועט דער הימל לויטער ווערן!
און אָט באַשייַנט איז יעדער שטעג און וועג,
און ס׳זייַנען שוין ניטאָ קיין "בלאָנדזשנדיקע שטערן" -

פיל שטערן ליכטיקע, פונקט ווי די וועלט,
אַרום דער ערד, אַרום דער זון זיך יאָגן.
דעם רום פון לאַנד, צעהעלט,
אין רוימען קאָסמישע זיי טראָגן.

און ווייַל דו האָסט אין צייַטן ליכטיקע געגלויבט,
געוווּסט – דאָס פאָלק זייַן גליק וועט פאָרט דערגרייכן –
הייַנט טראָגן פעלקער דיר מיט גרויסער לויב
אַ ברייטן, פריילעכן "שלום-עליכם"...

1959

Далёкому и близкому другу —
дорогому Сергею Бенгельсдорфу!
От Сибиряка — Якова Эпштейна
[illegible] г. Биробиджан

ביראָבידזשאַנער שטערן ◆ 20 סענטיאַבער 1987 יאָר.

אַפֿ שאָלעם-אַלייכעמ-גאַס

ווערטער — ליובע וואַסערמאַן   מוזיק — מאַקס עפּשטיין



מוזיק פֿון עפּשטיין צו ליובע וואַסערמאַנס אַ ליד

עס גייט אָפּ דער פֿראָסט

עס גייט אָפּ מייַן פֿענצטער, ס׳שלאָגט זיך דורך אַ שטראַל,
אַ סימן שוין פֿון פֿרילינג, נאָכן קאַלטן ווינטער,
דורכן ליכטיק שפּעלטל, איך קוק אַרויס און זע ־
אַ מחנה פֿריילעכע, שפּילנדיקע קינדער.

זיי זינגען, פֿרייען זיך, וואַרפֿן זיך אין שניי
– איינס, צוויי, דרײַ – זיי ציילן אָפּ אינגאַנצן.
וויל איך אַרויס אין דר׳אויסן צו זיי,
ראָדעראָנע דרייען זיך און טאַנצן.

***

און דאָס, וואָס די יוגנט
האָסט אין איר פֿאַרזייט,
יוירט שטענדיק אין האַרץ,
ווי אַן אייביקע פֿרייד.
גיי איך און קלייַב
די שפּורן פֿון דיר,
ווי אַ שנירעלע פּערל
מייַן האַלדז האָסט באַצירט.

האָריזאָנטן

איך שטיי בײַ מײַן פֿענצטער,
באַטראַכט דעם האָריזאָנט,
אָט ווערט ער אַ בלויער,
אָט איז ער שוין בלאָנד.

צעשמאָלצענער גינגאָלד,
רויט שוין און ראָז,
זײַנע ראַנדן זיך מינען
גרינער פֿון גראָז.

אַ שלל פֿון קאָלירן
פֿאַרבלענדט מײַנע אויגן.
אַ צעשטורעמטער ים
פֿול מיט רעגן–בויגן.

***

און נאָך איך דערזע
אַ פּאַסיקל פֿון בירע.
זי רופֿט מיך און ווינקט
מיט געפֿרווירנקייט אירער.
מיט יינגלעך און מיידלעך,
וואָס אויף גליטשערס זיי שוועבן,
זיי פֿליִען, זיי איַילן
די פֿרייד זיי אַנטקעגן.
ווילט זיך אַ יאָג טאָן
מיט יוגנט פֿאַרשייַטער
אויף שפּיגל פֿון טייַך
אין טייַגע בייַם שייַטער.
מיט נר־תּמיד איז האַרץ
מיט פּנים צעפֿלאַמטן
זיך יאָגן, זיך גליטשן
צו העלע האָריזאָנטן!

מייַן בערעזע

ווי שיין ביסט, בערעזע, אין דייַן האַרבסטיקער נאַקעטקייט,
ווען דער ווינט רייַסט דייַן צירונג און קליידער אַראָפּ,
ווען דייַנע דינינקע צווייַגן ציטערן, פּלאַטערן.
דאָך שטאָלץ און פֿאַרהויבן איז שטענדיק דייַן קאָפּ.

דער ווינט בויגט און פּלעקט דיר צו צפֿון און דרום,
צעוואַרפּט דייַנע בלעטער אויף דער טונקעלער ערד.
פֿאַרהייב דייַנע צווייַגן, האָב קיין יסורים,
פֿאַרלעש אויך דייַן קרוין די צויבערע טרער.

איך בעט דיך, בערעזע, קוק ניט אַזוי טרויעריק.
ס'מוז קומען דער פּרילינג, ס'קען אַנדערש ניט זייַן.
ער וועט דיך באַצירן מיט גינגאָלדענע אוירענגלעך,
זייַדן־ווייַס קלייד פֿון זוניקער שייַן.

1973

Зиси ВЕЙЦМАН, Беэр-Шева

"ПОСАДИЛ ЧЕЛОВЕК ЯБЛОНЮ..."

Помнится, уже в первом номере только начавшего выходить журнала "Советиш Геймланд" (июль-август 1961 г.) появилась статья педагога и критика Любы Черняк "У биробиджанских писателей", в которой, конечно, критики не было. Автор в мажорном тоне рассказывала о встречах с местными литераторами, писавшими на мамэ-лошн и уцелевшими в послевоенных "космополитских" чистках

Их в Еврейской автономной области оставалось немного: Бузи Миллер, Гешл Рабинков, Сальвадор Боржес, Люба Вассерман, Нохем Фридман, Ицик Бронфман (единственный из этого списка, кто не подвергся репрессиям). Разумеется, о том, что они прошли через жернова сталинской мясорубки, в статье не бло сказано ни слова. Как и о тех, кто, как Бер (Дов-Бер) Слуцкий (1877-1955), сгинул в Александровском централе или вообще покинул Биробиджан, как Исроэл Эмиот (Гольдвассер), который в конце 50-х уехал в Польшу, а затем в США.

Об одном поэте, вернее, поэтессе Любе Вассерман, выделявшейся из этого списка не только тем, что являлась в нем единственной женщиной, но и сложной, интересной судьбой, я и хочу поведать читателям "МЭ".

По городу тому тоскую я,
Где красками душа опьянена,
Где ширь вливается
В сердца людей и Б-га,
Где много вешек из ночи в ночь

Люба Вассерман (на снимке)

основном, поляков, украинцев, русских, но из всего населения губернии 120 тысяч были евреи, говорили они на идише, и потому свой главный город называли несколько иначе - Шедлиц. Ныне все эти веси, в которых евреев уже днем с огнем не сыщешь, относятся к Мазовецкому воеводству Польши.

Вследствие тяжелого материального положения семьи Люба с ранних лет вынуждена была покинуть отчий дом и уехать к старшему брату в Луков, а затем в местечко Малорита (сейчас это город в Брестской области Белоруссии), пойти в услужение к богатым людям и заниматься у них тяжелой домашней работой, зарабатывая тем самым себе на жизнь. С помощью поэта Мойше Зубермана, сгинувшего в годы войны в гетто, как и многие жители тех мест, выучилась грамоте, написала пер-

Школьник, как бы между прочим заметив, что собирается переводить ее стихи. Он и вправду, освоив идиш, стал их переводить, но это случилось позже, и даже выпустил в 1987 году в Хабаровском книжном издательстве сборник ее замечательных стихов со своим щемящим предисловием. В той книжке, которая называется "Благословляю жизнь", добрая половина стихов "тети Любы" -

ронто), "Дэр шпигл" ("Зеркало"), "Ди пресэ" - Буэнос-Айрес, "Литэрарише блэтэр" ("Литературные листы") - Варшава и др. В 1931 году в Тель-Авиве издана ее первая, всего на тридцать две странички, но выстраданная книжка стихов "Фарнахтн" ("Вечера"), предисловие к которой написал все тот же Авром Блай, живший к тому времени уже в Америке.

В конце 1931 года по рекомендации ЦК Палестинского МОПРа Люба Вассерман выехала в Советский Союз. Здесь она впервые в жизни села за парту московского рабфака. В столичном рабфаке Люба училась вместе с приехавшим из Аргентины артистом Мойше Бенгельсдорфом. В Биробиджан в 1934 году они уже отправились вдвоем. На новом месте, учитывая членство в МОПРе, Любу приняли на работу в качестве секретаря городского, а затем и областного суда. Муж, Мойше Бенгельсдорф, играл в спектаклях биробиджанского ГОСЕТа, организатором и директором которого в начале 30-х был Эммануил Казакевич. С созданием в области представительства Центрального совета ОЗЕТа (Общества по землеустройству еврейских трудящихся), задача которого была "аграризировать" шолом-алейхемовских персонажей - "людей воздуха" вроде Пини Копмана, "короля подтяжек", которого блестяще сыграл госетовский актер Биньямин Зускин в фильме "Искатели счастья". Кстати, о деятельности ОЗЕТа

זכרונות פֿון זיסי ווייצמאַנען וועגן ליובע וואַסערמאַן. די צײַטונג "סעקרעט".
תּל–אָבֿיבֿ 9.09.2012

בירָאָבידזשאַן איז מייַן היים

אַלעמען וויל איך דערציילן, אַלע, איך וויל, זאָלן וויסן -
בירָאָבידזשאַן איז מייַן היים, בירָאָבידזשאַן - מייַן געוויסן.
די, וואָס געפּלאַנצט האָבן דאָ, די, וואָס געאַקערט, געבויט,
האָב איך פֿון האַרצן מייַן ליבע מייַן ערשטע פֿאַרטרויט.
איך פֿלעג צוזאַמען מיט אייַך, פֿרייַנד מייַנע בעסטע,
צוזאַמען יאָרן און יאָרן אין מי אויף קיין ווייַל ניט פֿאַרזאַמען.
ס'האָט מיך, ווי אייַך, אויף כּסדר געמונטערט, געפֿרייט
אַלץ, וואָס קומט אויף, ווערט געבוירן אויף לענג און אויף ברייט
אונטער די מיזאַמע הענט פֿון מייַסטערס געניטע, געטרייַע,
מייַסטערס, וואָס האָרעווען קענען פֿאַר צווייען, פֿאַר דרייַען.
פֿערציק שוין יאָרן דו ציילסט הייַנט, מייַן ליבע, מייַן טייַערע געגנט.

יונגע מיר האָבן אַמאָל אין פֿריידן מיט דיר זיך באַגעגנט.
אַלט ווערן כ'האָב אויף ערד דייַנער גרינער באַוויזן,
יונגער אַלץ ווערסטו און שפּאַנסט, ווי אַ ריז צווישן ריזן.
אַלעמען וויל איך דערציילן, אַלע, איך וויל, זאָלן וויסן -
בירָאָבישזאַן איז מייַן היים. בירָאָבידזשאַן - מייַן געוויסן.

קינדער אין פּאַרק

אַ פֿולער פּאַרק מיט קינדער קליינע,
ווי בלומען פֿאַרביקע זיך אויסגעשפּרייט.
רויטע האַלדזטיכער, אויגן ריינע,
איך קוק אויף זיי און גאַר פֿון פֿרייד.

אַזויפֿיל קינפֿטיקע יונגע בויער
בליִען, ציִען זיך, ווערן גרויס,
זוניק ציכטיקע, אָן זאָרג, אָן טרויער,
ווי צעדערס שלאַנקע וואַקסן אויס.

שפּילן, טאַנצן זיי אין קאַראַהאָד,
זינגט מיט די בירע, זינגט מיט דאָס פעלד.
פֿון בויונג זינגען זיי אויף היימלאַנדס באָדן,
פֿון אַלעס טרוימען זיי אויף גאָרער וועלט.

***

קאַזאַקעוויטשן
מיט יאָרן שפּעטער דורך שׂרפֿות און דורך גרוילן
פֿון זעמליאַנקעס טיפֿע דאָס היימלאַנד האָט דערהערט:
– עס רעדט טראַוווקין ־ געבליבן נאָר פֿיר קוילן...
– "שטערן, שטערן ־ עס רעדט די ערד"...

ניין, דײַן שטערן איז פֿאַרלאָשן ניט געוואָרן.
ביסט געווען אַ שרײַבער, אַ קריגער, אַ סאָלדאַט.
דײַן וואָרט קעגן קריג אָנגעפֿילט מיט צאָרן.
מיט צערטלעך ריינער ליבע, דײַן "סיניאַיאַ טעטראַד".

מיר האָבן זיך פֿאַרזאַמלט דיין געבורטסטאָג באַערן.
זכרונות וועגן דיר – פֿול מיט ליכט און זון.
עס ווײנט דאָס האַרץ מיט הייסע, שטילע טרערן.
עמנואל טײַערער, דו ביסט אַצינד מיט אונדז.

בײַם ים

דער ים איז פּילפּאַרביק פֿאַרנאַכט.
איך שטײ פֿאַרטראַכט,
הער פֿאַרשטומט.
דער ים ער ברומט,
ער רופֿט.
מײַן נשמה ציטערט אויף
פֿון זײַן מעכטיקן געזאַנג.
– נײן, עס טוט נישט באַנג.

אַן אָפּגעבראָכן צווײַגל
ס'האָט מיר פֿאַרטראָגן,
ווי גיך די יאָרן יאָגן.
כ'האָב דעם ים פֿאַרלאָזט,
און ווי געשווינד אַ ווײַסער פּראָסט
האָט מײַן קאָפּ באַדעקט,
ס'כאַפּט אָן אַ שרעק,
אָט דאָ בײַם ברעג...

איך שטײ און בענק
נאָך מײַן פּרילינג,
וואָס האָט אָפּגעבלענדט
און בליט נישט מער,

עס וואַרגט אַ טרער,
נאָר נישט סתּם
געלעבט איך האָב בייַם בלויען ים,
ווי דער צופּלוס זייַנער
האָט געברויזט מייַן האַס
צו יענעם קלאַס
וואָס האָט באַצווּנגען מיך.

איך האָב פֿאַרלאָזט דאָס פֿרעמדע הויז,
פֿון שטייַג אַ פֿויגל כ׳בין אַרויס.
אין פֿאָך פֿון פֿליגל אויפֿן ים.
אייַנגעהילט אין צונטער פֿלאַם,
די פֿאָן פֿון ליכט כ׳האָב אויפֿגעהויבן,
ווי אַ סטאַיע ווייַסע טויבן
פֿלאַטערט אין מייַן האַרץ אַ ווונדער
און האָט אַ שׂריפֿה דאָרט צעצונדן.

דעם נר־תּמיד פֿון מייַן לעבן,
איך האָב פֿאַרמשפּטע צעגעבן,
זיי שעפּן זאָלן הויפֿנס שייַן,
אַז אומעטום זאָל ליכטיק זייַן.
דאַנק איך דיר, דו גרויסער ים,
וואָס האָט צעצונדן אָט דעם פֿלאַם.

פֿרילינג-מאָטיוון

ס׳רײַסט דער טײַך אַראָפּ זײַן אײַז-דעק.
ס׳גייט די קריִע שוימיק, רויטיק.
דורך די אויפֿגעפּראַלטע פֿענצטער
לאָדט מיך אײַן צו זיך דער דרויסן.

כ׳גיי אַרויס צו זיך אין סעדל,
כ׳זע דיביימער שטיל זיך וויגן,
איבער קאָפּ מײַנעם אַ פֿויגל
מיך באַגריסט מיט יונגע פֿליגל.

ס׳קומט מײַן אייניקל גלײַך צו לויפֿן,
ברענגט מיר צווײַגעלעך און בלומען
• באָבע, באָבע, - שרײַט ער הילכיק, -
ס׳איז דער פֿרילינג שוין געקומען.

אַ בינטל לאַנדיש

כ'האָב אַ בינטל לאַנדיש, קינד מייַנס, געבראַכט.
דופּט און פֿרילינג האָט דייַן ווענז אָנגעפּילט.
מיט פֿאַרליבטע אויגן כ'האָב אַזוי געגאַפּט,
ווי דו, מייַן קינד, מיט שטראַלן האָסט געשפּילט.

ווען עס קעמט מייַן קאָפּ דער ערשטער פֿרילינג-ווינט,
וואָס זשע קען איך האַרן, וואָס די האָר שוין ווערן גרוי.
מיט פּוכקע ברוינע הענטעלעך מיך האַלדזט אַרום, מייַן קינד.
בין איך אַ צאַרטע באָבע און מיר איז גוט אַזוי.

ערשטע טראָפּנס רעגן וואַשן הייַנט מייַן שטערן,
ווי טרערן קינדערשע און פּערלדיקע גרויס.
פֿונעם הימל שיטן זיך זילבער-ווייַסע שטערן
און פֿאַלן הייַפֿלווייַז צום אייניקל אין שויס.

בין איך ארויס הייַנט אין פֿרילינגדיקער שטאָט.
פֿאַרשייַטן קאָפּ אַ הוילן אונטער רעגן.
יונג און זינגעוודיק געוואָרן איז מייַן טראָט
און צעבליטע גערטנער אויף צעגרינטע וועגן.

זאָל זייַן שלום

פֿון פֿרילינג די הערלעכע קלאַנגען –
זיי האָבן באַצויבערט מיך הייַנט.
פֿון קינדערשע לוסטיקע בליקן
דער פֿרילינג, אַ לויטערער, שייַנט.

ווען קינדערלעך שפּילן און טאַנצן,
פֿאַרכלינעט די וועלט זיך אין פֿרייד,
און זוניקער פֿרילינג צעוויגט זיך
אויף ערדישער לענג און ברייט.

זאָל קינדהייט, אַ גליקלעכע, וואַקסן,
זאָל רייַפֿן די שפֿע אין פֿעלד.
ווילסט, האַרץ מייַנס, מער גאָרניט פֿון לעבן, –
נאָר שלום זאָל זייַן אויף דער וועלט!

אין אַ שנייייִקער נאַכט

אַזוי ציכטיק דער האָט געשאָטן,
ווי פֿון קאַרשנבוים פּוכיקע בליטן.
בירא, ווי אַ שטאָלענער סערפּ
האָט קרום זיך אין סאָפּקעס פֿאַרשניטן.
ס'זייַנען ווייַס שוין די גאַסן און דעכער,
דער שניי - ער שיט און שיט.
מייַן שטאָט צו דער זון שטייַגט העכער,
ווי אין פֿרילינג אַ בוים , וואָס בליט...
איך האָב ליב אַרומגיין אַליין
אונטער ווייַסע און נאַקעטע צווייַגן.
דער הימל איז קלאָר און ריין,
כאָטש גיי שטערנדלעך קליינינקע קלייַבן.

פֿרילינגס–רעגן

ס'האָט אָפּגעשווימט דער ערשטער פֿרילינג–רעגן.
מיט אַ ציטערדיק האַרץ כ'האָב אים היינט באַגעגנט.
ווי סטרונעס אויפֿן ווינט האָט ער געשפּילט,
ווי די קנאָספּן קוועלן אָן, פּלאַצן האַסטיק אויף,
וועקן מיך, מונטערן אויפֿוואַכן פֿון שלאָף,
הערן ווי דאָס פֿלאַטערל רוישט און פֿליט פֿאַרביי,
דערפֿילן, אַז היינט איז מיין יום–טובֿ מיי.
האָט דער גרינער טאָפּאָל אויסגעשטרעקט די הענט,
ער נייגט זיך, באַגריסט מיך, ער האָט מיך דערקענט,
ווי אַמאָל אין מיין יוגנט, ווען דער טוי האָט געגלאַנצט,
מיט קרעפֿטיקע, יונגע הענט כ'האָב אים דאָ פֿאַרפֿלאַנצט,
רופֿט ער מיך צו שאַפֿן, זינגען שיינע לידער.
אַ וואַרעמקייט, אַ חיות צעגיסט זיך אין די גלידער,
צום טאָפּאָל זיך געטוליעט אין ציטערדיקן שווייגן,
זיך פֿאַרפֿלאָנטערט, געהילט אין די גרינע צווייגן.
פּלוצלינג כ'האָב דערהערט פֿון מיין שטאָט דעם יובֿל,
בין איך געוואָרן לייכט, ווי אַ פֿליענדיקער פֿויגל,
וואָס הייבט זיך איבער בערג, וואָלקנס, איבער ימען
און פֿליט צוריק אַהייט צו דער ליבער מאַמען.
פֿאַרגעסט, אַז אַמאָל זיינען געווען דאָ פֿרעסט,
זיך לאָזט מיט האַסטיקייט צו דער נעסט,
וועלכע איך האָב אַמאָל אַזוי זאָרגפֿעליק געקלעפּט,
ווו כ'האָב אַמאָל אַזוי גליקלעך געלעבט.

האַרבסט

מיך ציט צום הימל צום האַרבסטיקן בלויען,
צו גאָלדענע לאַנקעס געהילטע אין טויען.
צו קרוינען פֿון ביימער, וואָס רוישן און וועלקן,
צו דער האַרבסטיקער ריַיפֿקייט פֿון ליכטיקע פֿעלדער.

מיט זאַפֿטיקע פּירות, מיט ברויטן די ריַיפֿע,
ס'זינגט מיַין געמיט, דער ווילן ווערט שטיַיפֿער.
דער ייִאוש פֿאַרשווינדט, ס'דערוואַכט אַ האָפֿענונג,
פֿון שוידער און עלנט בליַיבט נישט קיין טראָפֿן.

די זון אינעם סאָד באַשיַינט מיַינע פֿענצטער,
ליב ביסטו מיר, האַרבסט, ווי מיַין יוגנט די שענסטע.
גלעטסט מיך, צערטלסט, מאַכסט פֿאַרגעסן אין מאָרגן,
באַפֿריַיסט מיך פֿון צער, פֿון בענקשאַפֿט און זאָרגן.

דער באַרג-טיַיך, וואָס פֿליסט, פֿאַרוויגט מיַין נשמה,
מיט ליכטיקע שטענגלעך אונטער שיַין פֿון לבֿנה.
מיט דעם אַלץ איז פֿאַרבונדן מיַין קיום, מיַין האַרץ,
מיט גאָלדענע בלעטער, מיט ליכטיקן האַרבסט.

דערמאָנונג

שוין זעכציק יאָר באַגעגן איך דעם פֿרילינג,
נאָר הייַנט כ'האָב אים דערזען, ווי פֿון דאָס ניי.
דורך אים דערזען דיך, מאַמע מייַנע שטילע,
דורך דייַן נשמה, וואָס געווען מיר אַזוי טריי.
זי שוועבט אַרום דאָ, ווי אַ אויפֿגעוואַכטער פֿויגל,
מיט ליבשאַפֿט נעמט זי אַלעס דאָ אַרום -
דאָס העלע גרינס, וואָס פֿינקלט אין די אויגן,
די יונגע שטאָט מייַנע - אַ העל צעבליטע בלום,
דעם פּלאַץ מיט וועגן, וועגן קווערע, גראָדע,
דעם לענין-דענקמאָל אין זייַן סאַמע מיט,
די קינדערלעך, וואָס פֿירן קאַראַהאָדן,
די מענטשן, וועלכע איילן זיך צו מי.
אַן אַנדער בילד דערשייַנט פֿאַר מיר אַצינדער:
מייַן מאַמע שווענקט דאָס פֿרעמדע וועש בייַם טייַך,
די אייַז-קריִעס, זיי בריִען אירע פֿינגער,
איך, אַ קלייניקע, וואַש מיט איר באַגלייַך.
פֿון מאַמעס אויגן רינען שטילע טרערן,
די הענט, פֿאַרקאַטשערטע, זייַנען רויט, ווי בלוט.
• איך וויל, מייַן קינד, דו זאָלסט מיט קאָפּ מיך הערן,
• אַ צייַט וועט קומען - אונדז וועט זייַן נאָך גוט.
וויִאַזוי ס'וועט גוט זייַן, קאָן איך נישט באַנעמען...
זי גלייַכט זיך אויס און נעמט מיך לייַכט אַרום.

און דאַן דערהערט פֿון איר איך האָב דעם נאָמען "לעניץ"
און ס'האָט דורך וואָלקנס ווי אַ שײַן געטאָן די זון.
ביז שפּעטער נאַכט זי פֿלעגט פֿאַרטײַעט זיצן,
אין ביכער גריבלען זיך, שרײַבן ערגעץ בריוו,
בײַם קינדער-בעטל שטילערהייט אַ זיפֿץ טאָן
און אַ מידע אײַנדרימלען ביז אינדערפֿרי.
געהיים צו אונדז זיך פֿלעגן מענטשן זאַמלען
אין יענעם שטורמישן, אין יענעם הייסן יאָר.
איך הער, דוכט זיך, ווי עס רעדט צו זיי מײַן מאַמע.
און זיי ענטפֿערן: "נו, יאָ, נו, יאָ, נו, יאָ".
ווי קורץ און גרויליק ס'איז געווען איר לעבן,
פֿון נויט און דחקות יונג געוואָרן בלינד.
איר העלער טרוים, איר גלויבן און איר שטרעבן
פֿאַר מיר האָט אויפֿגעשײַנט, פֿאַר איר פֿאַרוואָרלאָזט קינד...
לויט לענינס וואָרט – מײַן היימלאַנד איז אין בליִונג,
ס'איז הויך דער הימל, און ס'איז אין האַרצן מײַ...
... שוין זעכציק יאָר באַגעגן איך דעם פֿרילינג,
און הײַנט כ'האָב אים דערזען ווי פֿון דאָס נײַ.

ווײַט־מזרחדיקער זומער

כ'האָב צעעפֿנט טיר־און־פֿענצטער -
קום אַרײַן, מײַן צאַרטער,
קום אַרײַן, מײַן שענסטער,
זומער מײַן געגאַרטער!

ליב איך האָב דײַן רײַפֿן שמייכל,
דײַנע פֿרישע ווינטן,
דײַנע טערפּקע, זיסע ריחות
און דײַן סטעפּ צעגרינטן.

ליב מיר זײַנען גאַסן בונטע,
וואָס אין פּוך זיך הילן,
און די סקווערן די געזונטע,
וווּ די קינדער שפּילן.

ס'זינגט אין מיר אַ שטילער ניגון,
טיף אין האַרץ פֿאַרטײַעט,
צו דעם קאַנט מײַנעם דעם היגן,
וואָס איז ליב מיר, טײַער.

טיר־און־פֿענצטער איך צעעפֿן,
און איך בענטש דײַן קומען,
האָרעפּאַשנער, פֿריידיק־העלער
ווײַט־מזרחדיקער זומער.

די יאָרצײַט

אין אָנדענק פֿון משה גענגעלסדאָרף

ווי אַ בוים ביסטו געוווּען הויך און שטאַרק,
אין דײַן שטילן שאָטן האָבן גערוט מײַנע אויגן.
מיט דײַן פֿאַלן איז אַראָפּ אויף מיר אַ באַרג,
וואָס האָט אינדרײַען מיך געבויגן.

איך ווייס, קיינעם איז ניט ליב אַזעלכע לידער,
וואָס זײַנען אָנגעקליידט אין טרויער און אַנגסטן.
צו רופֿן דיך, איך ווער ניט מיד,
אַרום מיר רוישן רעגנס, שטאַרקע שלאַקסן.

איך זע דיך אין חלום אויף דער וואָר,
איך קוש אויס דעם טרויער אין דײַנע שטילע אויגן.
איך קאָן אָן זיי ניט טאָן קיין טראָט,
ווי אַ פֿויגל אויף דרום כ׳וואָלט צו דיר געצויגן.

ס׳איז אָפּגעשטעלט מײַן קיום שוין,
איך קאָן אָן דיר ניט לעבן.
ביזן וואָרצל איז אונטערגעהאַקט דער בוים,
ווּ זאָל איך זיך קערן און ווענדן?

וויפֿל בלוטיקע טײַכן ס׳זען פֿאַרבײַגעלאָפֿן.

צום הימל גייט אויף מײַן מענטשלעך געוויין;
ווּ ביסטו, מײַן מענטש, מײַן האַרציקער, ליבער,
פֿאַרוואָס האָסטו געלאָזט מיך אַליין?

ביסט געוואָרן פּלוצלינג שטום,
פֿאַר מיר, פֿאַר קונסט, פֿאַר דײַן טעאַטער.
איך זוך דיך אומעטום אַרום,
וויפֿל וועל איך זיך נאָך מאַטערן?

אַ קוואַל

ווידער קום איך צו מײַן טײַך,
וואָס איז קרום און ווידער גלײַך,
ס'איז פֿאַרקאָוועט איצט מײַן בירע,
הרודעס שניי אויף אינדזלען אירע.
שושקען מיר די בלויע שנייען:
– זאָל דײַן האַרץ די ווײַסקייט פֿרייען.

שטיי איך אויפֿן ברעג און טראַכט:
זע, אום ווינטער סאַראַ פּראַכט.
אונטער דיקע שיכטן אײַז
שפּרודליק אַ קוואַל זיך רײַסט.
שפּריצן טראָפּנס, פֿינקלען, רינען,
דאַכט זיך מיר, אַז ס'הייבט אָן גרינען.

כ'הער, מיר דאַכט, ווי עמעץ זאָגט:
גיכער, גיכער, קוועלכל, יאָג!

לויפֿט פֿאַרבײַ אַ ווייכער ווינט.
ס'שלאָפֿט די בירע, ווי אַ קינד,
וויגט ער אײַן דעם גרינעם פֿויגל -
כ'קוק און גלייב ניט מײַנע אויגן.

לאַנדיש

ווייַסער טרויעריקער לאַנדיש
ברענגט מיר נחת אָן אַ שיעור.
ווייַסן לאַנדיש אָנהייב זומער
ברענגסטו שטענדיק צו מייַן טיר.

שטעלסט אים אין אַ גלאָז מיט וואַסער,
שטייסט אַ שטילער, ווי פֿאַרשעמט,
מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן,
מיט אַ האַרץ, וואָס איז פֿאַרקלעמט.

צי דערפֿאַר, וואָס יאָרן לויפֿן,
און דו זעסט, ווי איך בין אַלט.
אויף מייַן קאָפּ מייַן זוניק-בלאָנדן
פֿאַלט אַ ווייַסער שניי און פֿאַלט.

שטיי זשע ניט אַזוי פֿאַרכמורעט,
טו אַ שמייכל, טו אַ לאַך,
זאָלסט אין קומענדיקן פֿרילינג
ברענגען לאַנדיש מיר אַ סך.

פֿרילינג

אין אָט דער צײַט מײַן האַרץ ווערט צאַרטער, ווייכער,
עס טייַעט פונקט, ווי פֿרילינגדיקער שניי.
און אויף די ליפּן לייגט זיך אויס אַ שמייכל
און טרייַבט אַרויס פֿון האַרצן דעם שטילן וויי.

דעם וויי, וואָס ס׳ברענגען וויוגעס און זאַווייען,
דעם וויי, וואָס קומט פֿון צפֿון מיט די פֿרעסט.
מיט פֿרילינגדיקן טאָג מיר גייען דאָ אין צווייען -
ס׳ווערט באַלד די שוואַלב זיך קערן אין איר נעסט.

עס שפּילן העלע זילבערנע פֿרימאָרגנס,
דער לעצטער שניי אַ טונקעלער צעריכט.
דער פֿרילינג קומט מיט פֿריידן און מיט זאָרגן,
אויף פֿליגלען ברענגען צו טראָגן אים דער ווינט...

דער ערשטער רעגן

עס רוישט דער ערשטער פֿרילינגדיקער רעגן
מיט ציטערנדיק האַרץ האָב איך געהערט,
ווי ער צעשווענקט דעם לעצטן שניי אויף וועגן
און רייניקט אָפּ פֿאַר פֿרוכפּערונג די ערד.

דערזען איך האָב דורך זייַנע זינגענדיקע זייַלן
אין געגנט מייַנער שלאַנקע טאָפּאָלן אין בלי,
און באַלד זייַנען פֿאַרשוווּנדן ווייַטע מייַלן,
וואָס האָבן אונדז צעטיילט אין העלן פֿרי.

איך האָב אַמאָל די טאָפּאָלן אָט די פֿאַרפֿלאַנצט דאָרט
און אייַנגעזאַפּט אין זיך דעם איידעלן גערוך.
עס ציִען זיך דאָרט איצט אַלייען גאַנצע
און זומער שוועבט אויף זיי אַ לייַכטער פּוך.

מיר דאַכט, צו מיר דער פּוך דערפֿליט אַצינדער
און ברענגט פֿון היים מייַנער אַ ליבן גרוס,
און שייַטערס גרייט כ׳בין נאָך אַ מאָל צעצינדן,
ווי גאָר אַמאָל, פֿאַרטרייַבנדיק דעם גנוס.

און שטעלן הייַזער, פֿלאַסטערן די וועגן,
פֿאַרזייען גרעטנער, ס׳איז קיין זאַך ניט שווער...
עס רוישט דער ערשטער פֿרילינגדיקער רעגן
און רייניקט אָפּ פֿאַר פֿרוכפּערונג די ערד.

מעמאָריִאַל-טאָוול אינעם הויז אין ביראָבידזשאַן, ווּ ליובע וואַסערמאַן
האָט געוווינט ביז איר אַוועקפֿאָרן קיין קעשענעוו.

ליובע וואַסערמאַן איז געבוירן געוואָרן אין 1907 אינעם שטעטל סלאָוואַטיטש אין דער סעדלעצער גובערניע פֿון דער רוסלענדישער אימפּעריע (איצט ־ אין באַשטאַנד פֿון פּוילן) אין אַן אָרעמער משפּחה. אין 1925 איז זי עולה געווען קיין ארץ־ישׂראל. געווען אַ מיטגלידערן פֿון דער פּאַלעסטינער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אין 1931 איז אין תּל־אָבֿיבֿ דערשינען איר ערשט לידער־בוך "פֿאַרנאַכטן". אין זעלבן יאָר איז זי דעפּאָרטירט געוואָרן פֿונעם לאַנד און אָנגעקומען קיין מאָסקווע. דאָרט האָט זי חתונה געהאַט מיטן אַקטיאָר משה בענגעלסדאָרף. אין 1934 האָבן זיי זיך באַזעצט אין דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט. ליובע וואַסערמאַן האָט זיך געדרוקט אין דער אָרטיקער צײַטונג "ביראָבידזשאַנער שטערן", ווי אויך אין ליטעראַטרישע אַלמאַנאַכן "פֿאָרפּאָסט" און "בירעבידזשאַן". בשעת די אַנטיסעמיטישע סטאַליניסטישע רדיפֿות איז זי אין 1949 אַרעסטירט געוואָרן צוזאַמען מיט אַלע ביראָבידזשאַנער ייִדישע שרײַבער. ביז 1956 איז ליובע וואַסערמאַן געווען אין תּפֿיסות און לאַגערן. נאָך דער באַפֿרײַונג האָט זי זיך אומגעקערט אין ביראָבידזשאַן. זי האָט זיך געדרוקט אין וואַרשעווער "פֿאָלקס־שטימע", אין "ביראָבידזשאַנער שטערן" און אינעם מאָסקווער זשורנאַל "סאָוועטיש היימלאַנד". אין 1968 איז אין כאַבאַראָווסק אין איבערזעצונג אויף רוסיש דערשינען איר לידער־זאַמלונג "האָריזאָנטן". די לעצטע דרײַ יאָרן פֿון איר לעבן האָט די דיכטערן פֿאַרבראַכט אין קעשענעוו, ווו זי איז אַריבערגעפֿאָרן נאָכן טויט פֿונעם מאַן צו איר זון, דעם קאָנצערטמײַסטער סערגאָ בענגעלסדאָרף. אין 1987 איז אין כאַבאַראָווסק דערשינען ליובע וואַסערמאַנס לידער־זאַמלונג "איך בענטש דאָס לעבן" אין איבערזעצונג אויף רוסיש.

אינעם זאַמלבוך "בײַם ים און בײַם טײַך" זײַנען אײַנגעשלאָסן לידער, וואָס שפּיגלען אָפּ פֿאַרשיידענע תּקופֿות אין דער שאַפֿונג פֿון דער דיכטערין.